יודען, געדענקט, אז דער קאמף געגן די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד דויערט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 10 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 262 | Łódź, Wtorek, 12 listopada 1935 | דרייצענטער יאהרגאנג | לאדז, דינסטאג ט״ו מרחשון תרצ״ו | № 262

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71.


# „מיר וועלען פערשפילען אלע שלאכטען בכדי צו זיין די זיגער אינ'ם לעצטען קאמף"

## אזוי זאגען די אביסיניער. — די איטאליענער האלטען, אז די אביסינישע קריגער ענטלויפען פאר שרעק

לאנדאן, 14 (ספ. טעל.)

די קריגס-קארעספאנדענטען גיבען איבער אין זייערע אינפארמאציעס, אז איצט, נאך דעם, ווי די איטאליענער האבען איינגענומען מאקאלע און גאראהאי, האט זיך די סיטואציע פונם אביסינישען מיליטער בעדייטענד פערערגערט אין די הענט פון די איטאליענער פאלען איצט אריין די רייכסטע און פעטסטע געגענדען פונם לאנד, און די אביסיניער האלטען זיך אין איין צוריקציהען, גלויבענדיג אין זייער טאקטיק פון ארייננציהען דעם שונא אין דער טיפעניש פון לאנד.

נאכ'ן פערנעהמען מאקאלא, בויט די איטאליע-נישע ארמעע — אין הסכם מיט דער ביז-איצטיגער טאקטיק — נייע פערביטונגען. עס ווערען אבער גלייכצייטיג ארויסגעשיקט אויף דרום נייע אפטיי-לונגען, די אויפגאבע פון וועלכער עס איז אפצוריי-ניגען די סביבה פון מאקאלע פון פארטיזאנישע אפ-טיילונגען, און בכדי צוצוקומען צו די פארפאס-טענס פון ראס סעיום, וועלכע זענען טרופירט נע-בען אנטאלא. א סברא, אז אנטאלא איז שוין אויך איינגענומען.

דער גען. סאנטיני, וועלכער פיהרט אן מיט דער גאנצער אקציע אויף דרום פון מאקאלע, האט דער-קלערט, אז ביי גינסטיגע בעדינגונגען, איז ער ענט-שלאסען ארויסצוטרעטען און א גענעראל-שלאכט, בכדי צו איבערצייגען די וועלט אין דער „ליגנערישער קייט פון די אביסינישע בעהויפטונגען", אז זיי, די אביסיניער טרעטען אפ, אויסשליסליך צוליב סטרא-טעגישע טעמים. לויט דער מיינונג פונם גען. סאנ-טיני, איז עס נישט קיין קריגס-טאקטיק, נאר פראסט פשוט — די שרעק פאר דער קראפט פון איטאליעני-שען מיליטער צווינגט די אביסיניער צו בעהאלטען זיך אין די נישט-צוגענגליכע בערג.

די קארעספאנדענטען זענען מודיע, אז דער קריגס-ענטוזיאזם ביי די אביסיניער איז שטארק גע-פאלען. די אנפיהרער זייערע פערלירען אבער נישט די האפנונג, און זענען במעט זיכער, אז טראץ זייערע צייטווייליגע מפלות, וועלען זיי דאך לסוף זיין די זיגער.

דער ראס סעיום האט פאר אן ענגלישען זשור-נאליסט בפירוש דערקלערט: „מיר וועלען פערשפי-לען אלע קאמפען, בכדי צו געווינען דעם לעצטען קאמף!"

א פונקט-פערקעהרטע דערקלערונג האט געמאכט דער פערהעטער, דער ראס גוגסא, וועלכער האט גע-זאגט: „איצט געפינען זיך שוין די וויכטיגסטע אבי-סינישע פראווינצען אין די הענט פון די איטאליע-נער. נאך עטליכע חדשים, און מיר וועלען שטעהען ביי די טויערן פון אדיס-אבעבא". דער ראס גוגסא האפט, אז דאן, ווען האילע סעלאסיע וועט דעטרא-ניזירט ווערען, וועט גאנץ אביסיניען איבערנעמען דעם איטאליענישען פראטעקטאראט, און ער גופא וועט נאמינירט ווערען אלס וויצע-קעניג פון אבי-סיניען.

### טויזענט איטאליענישע באמבעס

פאריז, 11 (ספ. טעל.)

פון איטאליעניש-אביסינישען פראנט מעל-דעט מען:

גלייכצייטיג מיט'ן מארש פון דער איטאליעני-שער פיכאטע בעוועגען זיך אויך די לופט-פליהער כוחות אליץ ווייטער צום צפון. עס ווערען שוין אדורכגעפיהרט פאטראל-פליהען איבער האראר. די לופט-פליהער האבען פעסטגעשטעלט, אז אויף צפון סאסאבאנע אנטלויפען פיל אביסינישע אפטיילונ-גען אויף צפון.

א שרעקליכען טאג האבען נעכטען איבערגע-לעבט די איינוואוינער פון דאגאורי-בור, וואס ליגט 80 קילאמעטער אויף צפון פון סאסאבאנע:

9 איטאליענישע אפטיילונגען האבען אין משך פון א שעה ארונטערגעווארפען אויף דער שטאט אי-בער טויזענט באמבעס, פערוואנדלענדיג איניגע קווארטאלען אין בערג אש.

### אויף די פראנטען

לאנדאן, 11 (ספ. טעל.)

היינט איז אויפ'ן גאנצען צפון-פראנט געפיהרט געווארען אן'אינטענסיווע אויסשפיר-אקציע פון די איטאליענער און דער פראווינץ טיגרע. אין טראקט פון דער דאזיגער אקציע האבען די איטאליענישע אסקאריען אנגעטראפען הינטער דאגערא, אויף דרום פון מאקאלע, אויף א גרעסערן אביסינישען קארא-וואן. 50 אביסינישע קריגער האבען זיך געפרובט געגענשטעלען דעם איטאליענישען מיליטער, אבער נאך א קורצער שיסעריי, האבען זיך די אביסיניער צוריקגעצויגען, איבערלאזענדיג אין די הענט פון די איטאליענער צוויי קעמעל-טרייבער, 300 קעמלען, אנגעלאדענט מיט שפייזווארג און פערשידענע חפ-צים, וואס זענען צוגעגרייט געווארען פונם ראס גוגסא'ס פאלאץ.

**דאס איטאליענישע מיליטער רינ-געלט פאמעליך ארום די בערג-שורה טעמביען, וואו עס לאגערט ראס סעיום.**

**מען איז מודיע, אז צווישען דעם ראס קאסא איז ענטשטאנען א סכסוך בנוגע דער ווייטערדיגער טאקטיק אויפן צפון פראנט:** סעיום וויל זיך, א סברא, ווייטער צוריק-ציהען, און קאסא וואלט געוואלט אנהויבען די קאנטר-אטאקע.

דאס מיליטער פונם גענעראל גראציאני האט זיך אין משך פון דער לעצטער וואך פאראויסגערוקט אויף העכער 100 קילאמעטער אין דער ריכטונג דזשידזשיגא-האאר. מען רעכענט, אז די אביסיניער ציהען זיך איצט צוריק קיין סאסאבאנע, אבער דעם שטארקסטען ווידערשטאנד וועלען זיי שטעלען אויף דער ליניע דזשידזשיגא-האאר.

די קלאנגען וועגען דעם, אז דער ראס נעסיבו איז דערמארדעט געווארען דורך צעבונטעוועטע זעל-נער — ווי עס שטעלען פעסט ענגלישע קוועלען — זענען אבסאלוט גרונדלאז: דער ראס נעסיבו איז היינט ערשט אנגעקומען פון ראזאבורו קיין דזשי-דזשיגא.

רוים, 11 (ספ. טעל.)

אויפ'ן דרום-פראנט, הינטער גאראהעי, איז **אומגעקומען איינער פון די בעסטע אבי-סינישע פיהרער, אפערוואך.** דער דער-הרג'עטער פיהרער פלעגט אנווארפען א מורא אויף די איינגעבוירענע שבטים, וועלכע ער האט טראקטירט ריכטזיכטלאז. אויף זיין ארט איז בעשטימט געווארען אמאר סאמאנאר, וועלכער האט צ. א. אין יאהר 1926 בעפוילען צו דערמארדען אין על-בור דעםאיטאליענישען רעזידענט, קאפיטאן טשאראלעי. מען האלט, אז דער נייער אביסינישער פיהרער וועט פיהרען מיט די איטאליענער א אומברחמנות'דיגען קאמף.

### ויאמר מוסאליני...

רוים, 11 (ספ. טעל.)

אין שייכות מיט דעם קעניגס געבורטס-טאג איז פארגעקומען א מיליטער-רעוויו, אין וועלכער עס האבען אנטיילגענומען 30.000 זעלנער.

מוסאליני האט דערביי געהאלטען א רעדע פון באלקאן פון ווענעציאנישען פאלאץ און צ. א. גע-זאגט:

— „איהר האט געזעהן בלויז א טייל פון די קרעפטען, מיט וועלכע עס דיספאנירט איטאליען אינם 14-טען יאהר פון דער פאשיסטישער ערע... די דאזיגע כוחות זענען גרייט צו שיצען די אינטערע-סען פון איטאליען אין אפריקא און אייראפא. אין משך פון איין חודש האבען מיר רעגולירט צוויי אלטע רעכנונגען אונזערע".

# טאג-טעגליך

## דער בייז אין האלז

וואס פאר א שטעלונג דארף איצט פראנקרייך אננעמען לגבי דייטשלאנד? צי דארף מען זיך פער-שטענדיגען דירעקט מיט בערלין? מיט וואס פאר א פרייז זאל מען בעצאהלען פאר אזא פערשטענדי-גונג? אט-אט די דאזיגע פראגען, וואס פערנעהמען יאהרען-לאנג די מוחות פון די פראנצויזישע פיה-רענדע פאליטיקער, זענען לעצטענס ווידער ארויס-געשוואומען אין שייכות מיט דעם אנגעקינדיגטען וויזיט פון ריבענטראפ'ן אין פאריז און מיט דער וויכטיגער צוגריטונגס - בעראטונג, וואס לאוואל האט שבת אפגעהאלטען מיט'ן פראנצויזישען אמ-באסאדאר אין בערלין.

פונם בארג פאפירענע סאנקציעס געגען איטא-ליען, וואס „פייערט" איצט נצחונות אין אביסיניען, און הערט די פלומרשטע מוסר-רייד פון די פעל-קער-ליגע-קוכער, ווי יענער קאטער דעם פאבולארען קוכער — אט טוט דעם דאזיגען בארג, וואס האט דערווייל אפילו קיין מויז נישט געבוירען, קריכט ווידער ארויס דאס געשפענסט - פראבלעם, וואס בעדראהט דעם גאנצען אייראפעאישען קאנטינענט, און אפשר טאקע אויך די גאנצע וועלט — דאס פראבלעם פון דעם איצטיגען דייטשלאנד, וועלכע רעכענט זיך נישט מיט קיין שום אינטערנאציאנא-לע התחייבות'ן און מיט אנגענומענער ציווילער און פאליטישער מאראל.

ווי געוועהנליך, הערשט, ביים פרובען פערענט-פערן די אויבענדערמאנטע פראגען א שטארקע חלוקי דעות אין דער פראנצויזישער עפענטליכקייט.

איין טייל זאגט זיך ארויס פאר א פערשטענדי-גונג מיט דייטשלאנד פאר יעדען פרייז.

אנדערע ווידער ווארענען פאר א פאליטיק פון פערזיכערן בלויז די גרעניצען פון פראנקרייך, ווענ-דענדיג דערמיט די עקספאנסיע פון דייטשלאנד אין אנדערע ריכטונגען.

די ביידע אויסוועגען זענען אבער קיין אויסווע-גען נישט, און צום ריכטיגסטען איז די מיינונג פון ד'ארמעסאנען אין „פיגארא", אז אויב פראנקרייך וואלט מותר געווען אויף דער קאנצעפציע פון אומ-טיילבארען שלום, וואלט איהר טויזענד-יעהריגע גייס-טיגע השפעה אין אייראפא תיכף חרוב געווארען, און די פראנצויזען וואלטען אויטאמאטיש געווארען א צווייטראנגיג פאלק; צווייטענס, וואלט אנ'אפ-פלוס פון דער דייטשער אינוואזיע - כוואליע זיך צוריק געווענדעט אויף מערב, און אין דער ערשטער רייה נעגען פראנקרייך גופא, און, דריטענס, וואלט די פראנצויזישע גלייכגילטיגקייט אין בעצוג צו די פראבלעמען פון מזרח-אייראפא דערפיהרט פראנק-רייך צו אומגעהויערע שוועריגקייטען, מיט וועלכע זי וואלט ביי א פעראינזאמונג נישט געקענט קעמפען.

הכלל, דער ביין אין האלז ווערט געפעהרליכער, און ארויסנעהמען איהם איז דערווייל שווער.

מ.

# דער „בליער פויגעל" בעשעדיגט

## דער מאיאר קארפינסקי איז לייכט פערוואונדעט געווארען

ווארשא, 11 (טעלעפאניש)

דא איז אנגעקומען א ידיעה פון פאראנואב, אז דער מאיאר קארפינסקי, וועלכער מאכט איצט אדורך א פליה ווארשא—מעלבורן (אין אויס-טראליען) איז, מחמת די שלאגס-רעגענס געצוואונגען צו פערהאלטען זיך 2 טעג אין פארא-כואב.

נעכטען, ווען דאס וועטער האט זיך פערבע-סערט, האט ער געוואלט ווייטער זיך לאזען אין וועג, אבער, ביים סטארטירען, איז, צוליב'ן נא-סען זאמד, דער אעראפלאן „דער בליער פויגעל" שטארק בעשעדיגט געווארען. דערמאיאר קאר-פינסקי איז דערביי לייכט פערוואונדעט געווארען. זיין בעגלייטער, אינזש. ראגאלסקי איז פון דער קאטאסטראפע ארויס גאנץ.

# וואו רוזוועלט זעהט די הויפט-סיבה פון אינטערנאצ. קאנפליקטן

וואשינגטאן, 11 (ספ. טעל.)

היינט, ביים אפדעקען א דענקמאל לכבוד די געפאלענע אין קריג, האט דער פרעזידענט רוז-וועלט געהאלטען א גרויסע רעדע, אין וועלכער ער האט דערקלעהרט, אז די צאל-באריערען זע-נען איינע פון די הויפט-סיבות פון די אינטערנא-ציאנאלע רייבונגען, וועלכע מען מוז וואס שנעלער אפשאפען.

# אונזער ווארט

## דאס „וויסען" פונ'ם אומוויסען

עס איז שוין נאכ'ן אורטייל איבער די דריי גראד-נער יודען ראובן יאצינסקי (10 יאהר טורמע), לייב קאבראווסקי און משה סאסנאוויטש (צו 3 יאהר טורמע), וועלכע זענען בעשולדיגט געווארען אין דעם, אז זיי האבען געשלאגען צום טויט דעם פויער מארקעוויטש, וואס איז בעת די בעקאנטע „גע-שעהענישען" אין גראדנע אנגעפאלען אויף דעם יוד יאצינסקי מיט א האק.

דער אורטייל איז שוין ארויסגעגעבען געווארען, און מיר זענען דא נישט אויסען איהם צו קריטיקי-רען: עס איז א חוק ולא יעבור, אז א פסק דין פון געריכט זאל נישט קריטיקירט ווערען!

אפשטעלען ווילען מיר זיך דא בלויז אויף איין פרט פון דעם גרויסען פראצעס, און נעמליך — אויף דער אויספיהרונג פון ציוויל-מאהנער, דעם אדוואקאט קורציוש, וועלכער האט אין זיין רעדע קוועסטיאנירט די ראציאנעלקייט פון יודישער עדות-זאגעריי און בעשווערונג אינם געריכטס-וועזען.

ווארום — אז אויב, לויט זיינע רייד קומט אויס, אז „צווישען יודען הערשט א פערברעכערישע סאלי-דאריטעט, צוליב וועלכער איין יוד טאר נישט ארויס טרעטען געגען א צווייטען („א, גאט! ווי גרויס איז דיין טיר-גארטען", און ס'ארא וואונדערבארע איר-זעל-עקזעמפלארען דו פערמאגסט!) אויב ס'איז שוין יא אזוי, טא וועלען מיר דאך מוזען אויסגע-שאלטעט ווערען פון נאך א געביט — פון עדות-זאגען אינם געריכטס-וועזען, און —

פון עדות-זאגען, און אין שווערען אויף דעם, אז די שונאים אונזערע זענען פסיכאפאטען און קרע-טינען...

ניי, זיי נישט איבערצייגט אין דעם, אז אזא מין אדוו. קורציוש באזירט זיך אפילו אויף „וויסענ-שאפט", און דערקלערט בפירוש:

— „דער רב האט געזאגט, אז די בעשולדיגטע זענען רעליגיעזע יודען, אבער טאקי די יודישע רע-ליגיע דערלויבט צו זאגען ליגען, ווען מען דארף פערטיידיגען א יוד געגען א קריסט".

האבען מיר דא, הייסט עס, נאך א בלימעל פון דער טרויעריג - בעריהמטער „יודען - קענטעריש-קייט", פון דעם טיפ איגנאראנץ - וויסענשאפט...

ווען אזא קורציוש האט א שטיקעל קאפ, וואלט מען כאטש געקאנט זאגען: פון זיין קאפ זאל ער אזוי וויסען!

# די אומאָפּהענגיגקייט פון פּוילען

## איז נעכטען געפייערט געוואָרען איז גאַנצען לאַנד מיט גרויס פּאַראַד

וואַרשאַ, 11 (טעלעפאָניש)
די הײַ־יאָהריגע פייערונגען פון פּוילענס בע־פרייאונג זענען אינגאַנצען לאַנד אַדורך זעהר אימ־פּאָזאַנט — ביי דער בעטייליגונג פון פאַרשטעהער פון דער מאַכט און פון דער בעפעלקערונג.
אין די גרעסערע שטעט זענען פאַרגעקומען פייערליכע גאָטעסדינסטען אין די געבעט־הייזער פון אַלע רעליגיעס, גרויסע אַקאַדעמיעס און מאַני־פעסטאַציעס מיט דער בעטייליגונג פון פערשידענע אָרגאַניזאַציעס און מיליטער־דעפּילאַדעס.
אין אַ רייהע שטעט זענען, אין שייכות מיט דער פייערונג, בעשאָנקען געוואָרען מיט אָרדענס פערשידענע פערדינסטפולע טוער, און ס'זענען אַ דורכגעפיהרט געוואָרען פיל חנוכת הבית'ן.

## לעגיסלאַטיווער ראַט ווערט צוזאַמענגערופען?

ירושלים, 11 (יט"א טעלעגראַפיש)
אין די פיהרענדע יודישע קרייזען זעהט מען פאָר, אַז דער הויך־קאָמיסאַר וועט שוין אין דער נאָהנטסטער צייט אָנקינדיגען די עפענונג פון לע־גיסלאַטיווען ראַט, אין וועלכען ס'וועלען אַריינגיין: 6 מוסולמענער, 2 קריסטען, 10 ענגלענדער. פאָר־זיצער וועט זיין דער הויך־קאָמיסאַר וואַוקאָפּ. 4 פּלעצער בלייבען פריי פאַר יודען.

## נאָר אַלץ „אַרום“ די סאַנקציעס

זשענעווע, 11 (ספּ. טעל.)
היינט האָט זיך פערזאַמעלט דער ספּעציעלער סוב־קאָמיטעט וועלכען דער קאָמיטעט פון 18 האָט אָנפערטרויט דאָס בעטראַכטען די פראַגע פון קאָנט־ראַקטען, וועלכע זענען געשלאָסען געוואָרען דורך איינגע מלוכות אין איטאַליען, און וועלכע זאָלען טראָגן דעם אימפּאָרט־פערבאָט פון איטאַליען, וויי־טער אויסגעפיהרט ווערען, דער סוב־קאָמיטעט האט אַקצעפּטירט בלויז קליינע קאָנטראַקטען, וואָס זע־נען אָנגעמאַלדען געוואָרען דורך די רעגירונגען פון פראַנקרייך, רומעניען, בריטיש־אינדיען און נאָרוועגען, ווי אויך אַ גרויסען קאָנטראַקט אויף צו בויען טאָרפּעדאָ־שיפען פאַר סיאַם.

בסך־הכל מאַכט אויס דער ווערט פון די בעשטימטע קאָנטראַקטען — 100 מיליאָן לירעס.
פּאַריז, 11 (ספּ. טעל.)
האַוואַס איז מודיע פון לאָנדאָן, אַז לויט די דער האַלטענע פּריוואַטע ידיעות פון איטאַליען ריכט מען זיך אין ענגלאַנד, אַז אויב טאָג וועט עס ווערען אַריין אין קראַפט די ווירטשאַפטליכע סאַנק־ציעס, וועט די איטאַליענישע רעגירונג נישט־נאָר אַרויסגעבען אַ פערבאָט אויף אַריינצופיהרען קיין איטאַליען פּראָדוקטען פון לענדער, וואָס וועט דען אָן די סאַנקציעס, נאָר זי וועט אויך קינדיגען אַלע האַנדעלס־אָפּמאַכען מיט די דאָזיגע לענדער.

## יאַ געווען, ציי נישט געווען?

### מערב־אייראָפּעאישער „סוואַי־דאַ־סוועגאַ“...

לאָנדאָן, 11 (ספּ. טעל.)
דער מינכענער קאָרעספּאָנדענט פון „דיילי טעלעגראַף“ פערזיכערט, אַז דער באַראָן אַלאָיזי איז געווען אין מינכען בעת די נאַציאָנאַל־סאָציאַ־ליסטישע פייערונגען. ער זאָל דאָרט האָבען געקו־מען פרייטאָג ביי טאָג און צוריקגעפאָהרען שבת אינדערפריה. דער קאָרעספּאָנדענט ווייסט צו דער־ציילען וועגען אַלאָיזיס אַ לענגערען געשפּרעך מיט'ן מינ. העס.
פּאַריז, 11 (ספּ. טעל.)
האַוואַס איז מודיע פון בערלין, אַז די איטאַ־ליענישע אַמבאַסאַדע לייקענט אָפיציעל אָפּ די קלאַנגען, אַז דער באַראָן אַלאָיזי זאָל האָבען די לעצטע טעג געווײלט אין מינכען.

proszki
„KOWALSKINA“
STOSUJE SIĘ PRZY UPORCZYWYCH
BÓLACH GŁOWY
AK WARSZAWA
FABR. CHEM.-FARM. „AD. KOWALSKI“ WARSZAWA

## איטאַליענישער אַמבאַסאַדאָר ביי לאַוואַלן

פּאַריז, 11 (ספּ. טעל.)
לאַוואַל האָט היינט אויפגענומען דעם איטאַ־ליענישען אַמבאַסאַדאָר טשערוטי.

## אַרעסטירט אַ רייה באַנקירען

רוים, 11 (ספּ. טעל.)
עס איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען אַ רייה אַרעסטען צווישען באַנקירען, וועלכע ווערען בע־שולדיגט אין נישט־לעגאַלען האַנדעל מיט וואַלוטע.

## די אַרבייטסלאָזיגקייט אין דייטשלאַנד פערגרעסערט זיך

בערלין, 11 (ספּ. טעל.)
לויט'ן בעריכט פון אַרבייטס־פערמיטלונגס־אַמט, איז די צאָהל אַרבייטסלאָזע אין משך פון חודש אָקטאָבער 1935 געוואַקסען מיט 144 טוי־זענד און מאַכט איצט אויס 1,828,000.

## ספּאָרט

סאָסנאָוויעץ, 11 (טעלעפאָניש)
דער פּאָליציי־אישער באָקס־מעטש אין סאָס־נאָוויעץ האָט היינט אָפּגעהאַלטען אַ זיג אין באָקס־מעטש מיט דער באָקס־דרושינע פון דייטש־שלעזיען. דער רעזולטאַט איז 7:3 לטובת פּוילען.

Dr.
R. Zaclwasser
כירורג
צעגעלניאַנאַ 19, טעל. 17־125
נעמט אָן פון 1—2 און פון 4—6.30.

Dr.
B. Robinzon
אינערליכע קראַנקהייטען
האָט זיך איבערגעצויגען
אויף 10 פּאָמאָרסקאַ 10
פראָנט II שטאָק, טעל. 86־131
נעמט אָן פון 6 ביז 8 אָוונט.

# דאָס לעבען אין וואַרשע

## (טעלעפאָנישע ידיעות פון דער הויפּט־שטאָט)

### דעלעגאַציע פון קוילען־סוחרים, הורטאָווניקעס אין קאָמוניקאַציע־מיניסטעריום.

דאָס קאָמוניקאַציאָנס־מיניסטעריום האָט גע־ענדערט דעם אַזוי גערופענעם אָקס־טאַריף. לויט דעם נייעם טאַריף דאַרף אַ וואַגאָן קוילען אויסגע־לאָדען ווערען אין משך פון 6 שעה אין געגענזאַץ צאָהלט מען דעם אַזוי גערופענעם אָקס־טאַריף. פריהער פלעגט מען קענען אָהן בעזונדערן אָפּצאָהל לאָזען די קוילען אין וואַגאָן אין משך פון 24 שעה.

אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע פון הורטאָווניקעס קוי־לען־הענדלער האָבען וועגען דעם דאָזיגען ענין אויפ געקלערט די פאָרשטעהער פון דער באַהן־דירעקציע, אָנווייזענדיג, אַז דער נייער טאַריף וועט ברענגען צו אַ העכערונג פון די פּרייזען אויף קוילען.

היינט זאָל וועגען דער פראַגע פאָרקומען אַ ספּע־ציעלע קאָנפערענץ צווישען די פאָרשטעהער פון די פעראינטערעסירטע צדדים.

### די היי־יעהריגע דיווידענדען פון באַנק פּאָלסקי.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם פערענדיגען דעם בילאַנס אין די באַנק־אינסטיטוציעס, לאָזט זיך אין די באַנק־קרייזען בעמערקען אַ געוויסע פעראינ־טערעסירונג, ווי עס וועלען היי־יאָהר אויסזעהן די דיווידענדען פון באַנק־פּאָלסקי, ווי עס איז פאָראויס צוזעהן זאָלען די דיווידענדען אויסמאַכען 10—12 פּראָצענט און וועלען אויסגעצאָהלט ווערען נאָך דער אַלגעמיינער פערזאַמלונג פון די אַקציאָנערען פון באַנק פּאָלסקי אין פעברואַר 1936.

### בעזייטיגט 12 לאָקאַטאָרען פון בע־דראָהטע הייזער.

צוליב דעם, וואָס צוויי הייזער אויף נאָוואָמיע־סקאַ און אַלט־שטאָט האָבען געדראָהט מיט אַ קאַ־טאַסטראָפע, האָט דישטאַטישע סטאַראָסטווע פער־אָרדענט צו בעזייטיגען די לאָקאַטאָרען פון די דאָזי־גע הייזער און אַדורכפיהרען דעם נויטיגען רעמאָנט. די שטאָטישע סטאַראָסטווע האָט זיך אויך געווענ־דעט צו דער אָפּטיילונג פון געזעלשאַפטליכען שוץ, זי זאָל זיך פערנעמען מיט די עקסמיסירטע לאָקאַ־טאָרען.

### דאָס פערמעגען פון די בעטלערס זאָל קאָנפיסקירט ווערען.

די קרייזען, וועלכע בעקעמפען דאָס פראָ־פעסיאָנעלע בעטלעריי האָבען אויפגעגעבען אַ פראָיעקט, לויט וועלכען די פערמעגענס פון פראָ־פעסיאָנעלע בעטלערס (ווייל עס זענען פערהאַן פאַקטען, וואו נאָכ'ן טויט פון בעטלערס בלייבן גאַנץ היבשע קאַפּיטאַלען). אַז די דאָזיגע קאַפּי־טאַלען זאָלען קאָנפיסקירט ווערען און געהן אויף די נויטען פון געזעלשאַפטליכער שוץ.

Dr. med.
Sadokierski
כירורג פון ציינער און יאַסלעס
Piotrkowska 164 tel. 114-20
צוריקגעקעהרט

צו מיינע ג' קונדשאַפט!
דערמיט מאַך איך בעקאַנט, דאָס צוריקקומענ־דיג פון מיין רייזע איבער ארץ ישראל און פּאַריז און בעקענענדיג זיך מיט די נייעסטע, מאָדערנע, דערגרייכונגען אויפ'ן געביט פון שילדען־פאַך, וועט מיין וואַרשטאַט אויספיהרען אַלער אַרט שילדען־אַר־בייט אונטער מיין פּערזענליכער לייטונג. איך פער־האָף, דאָס די ג' קונדשאַפט, וועלכע האָט מיר גע־שענקט צוטרוי אַזוי פיל יאָהרען, זייענדיג צופרי־דען פון מיין אַרבייט, וועט מיר ווייטער שענקען דעם פולסטען צוטרוי, ווי ביז איצט.
מיט אַכטונג שילדען־מאַלעריי
ח. ל. פוקס, פּילסודסקיעגאָ 50
טעלעפאָן 32־266.
עקזיסטירט זייט יאָהר 1896

פאַר גאַרד, ביזשוטעריע
און לאָמבאַרד־קוויטעס
צאָהלט די העכסטע פּרייזען
איזידאָר פּיאַלקאַ
פּיעטריקאָווער 7.

אויער, נאָז און האַלז קליניק
מיט בעטען פון Dr.
Z. Rakowski
פּיעטריקאָווער 67. טעל. 81־127
נעהמט אָן שטענדיגע קראַנקע (צוועק אָפּעראַציע א. ז. וו.), ווי אויך אַמבולאַ־טאָרישע פון 9—2 און פון 4—8 אָוונט

Laboratorjum analiz lekarskich
„SANITAS“
Wólczańska 41, tel. 232-94
פיהרט אויס אַלע אַרט אַנאַליזען פון בלוט, אורין, פּלעגמע א. א.
אויפ'ן טעלעפאָנישען פערלאַנג שיקען מיר נאָך מאַטעריאַל און שיקען אָפּ די אַנאַליזען אַהיים

בעקאַנטמאַכונג.
אַ בשורה טובה
פאַר די לאָדזער מחותנים
נאָך אַ גרינדליכען רעמאָנט
איז ערעפענט געוואָרען
אונטער פּאַכטענישער אויפזיכט
אויף 5 וואָולטשאַנסקאַ 5
אַ זאַל אויף חתונות
און פערלאַנגונגען ביז 10 זל.
מיט אַ שיינעם מעבעל־זאַל
מיט אַ גרויסע היגיענישע כשרע קיך בעשירען לויט די נייעסטע מאָדע, נייע טיש־בעשטעק אויך קובען־געשיר. פּדי צופרידענצושטעלען די יודישע מחותנים מיט זייערע געסט, אַלעס לויט דעם נייעסטען סטיל, אויך צו פערמיטען אויף מאַנק־פערוויילונגען.
מיט אַכטונג די אינהאַבער.

סטאַרשי פעלדשער
ש. דרעש
4 לוטאָמיערסקאַ 4, (האָטעל־גאַס)
טעל. 78־184
נעמט אָן פון 8 ביז 10 פריה און פון 1,30 ביז 4 נאָכמ. און פון 6—7 אָוונד.

מיין פריינד
ה' מאַרקוס סטריקאָווסקי
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל.
סאַלאַ ברייטשטיין
אַ הערציגען מזל־טוב
ראַפאַל שמייער און פרוי

גערענקט, שטשעשליווי
ביי
צום ווינטער־סעזאָן. אַ גרויסער אויסוואַהל פון אָריגינעלע בילליגער און טאָמאַשאָווער סחורות
אויף אַנציגער און פּאַלטענס
פון די בעסטע קוואַליטעטען ווי אויך פערשידענע רעשטען
מיט 30% ביליגער
קומט און איבערצייגט אייך!
R. Szczęśliwy
לאָדז, 5 נאַוואָמיעסקאַ 5
טעל. 09־156.
געדענקט פראָנט II שטאָק.

Dr. med.
H. ROZANER
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און סעקסועלע קראַנקה.
Narutowicza 9
tel. 128-98
נעמט אָן פון 9—1
פאַרמ. און פון 5—9

Dr.
Wajnberg
ספּעציאַליסט פאַר לונגען־, האַרץ־ און סקלעראָז־קראַנקהייטען
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 145
טעל. 02־126.
נעמט אָן פון 9—10 פריה. 3—5, 8—9 אָוו

Dr. Justman
וואוינט יעצט
8 NAWROT 8
telef. 138-99

לעזט און פערשפּרייט
דאָס נייעס פאָלקסבלאַט

ראָדזשערס דראַכען ציגאַרעטען, מאַשינען און פערשיידענע אַפּאַראַטען,
פּאַראַפין־אַפּאַראַטן, פאַדעם־פיהרער און טיילען פאַר שפּול־מאַשינען
בעקומט מען אין דער מעכאַ־נישער שלאָסעריי
י. רעדער
לאָדז,
ליסטאָפּאַדאַ 11/13 —טער־11

עבער אויף דער מאַשין
ווערדען אָנגענומען אויסצונייען ביי
ג. נאָרדמאַן, שרודמיעסקאַ 8

Dr. J. Lubicz
כירורג און אָרטאָפּעד
צוריקגעקעהרט
9 פּאָלודניאָווואַ 9
טעל. 17־183.

Dr. med.
Leon Familier
אינערליכע און קינדער־קראַנקהייטען
6. שערעיעץ 37 (בענעדיקטאַ)
[illegible]

איך דריק אויס מיטגעפיהל דער חשוב'ער לייטערין פון יתומים־הויז „פּזשיטוליסקאָ“ פרוי ערליך צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון איהר געליבטען מאַן
נ"ע אַדאָלף ערליך
אין איהר ערציהערישע אַרבייט זאָל זי אַ טרייסט געפינען.
א. רובינשטיין.

# פערגרעסערען דעם אימפארט פון דייטשלאנד קיין עגיפטען

## סענסאציאנעלער בריף פון „העברה" צום דייטשען קאנסול אין עגיפטען — פערעפענטליכט אין „הירדן"

ירושלים, 11 (יט"א טעלעגראפיש) די רעוו. צייטונג „הירדן" האט פערעפענטליכט דעם טעקסט פון א בריף, וואס די „העברה" האט געשיקט צום דייטשען קאנסול אין עגיפטען אין דעם בריף בעט די „העברה" צו פערגרעסערען דעם אימפארט פון דייטשלאנד קיין עגיפטען. אין דעם בריף ווערט בעטאנט, אז די „העברה" איז גרייט צו דעקען דעם פרייזען־אונטערשיד פון די אימפארטירטע סחורה, כדי אזוי ארום צו פערשמארקען דעם דייטשען אימפארט קיין עגיפטען און אין די שכנות'דיגע לענדער.

אויף אן'אנפראגע פון דער י.ט.א. צו דער „העברה", האט מען געענטפערט, אז דער בריף איז אן'אויטענטישער. און איז געשיקט געווארען כדי אויף דעם אופן צו ראטעווען וואס מעהר יודישער קיעלע גיט מען איבער, אז דער דאקומענט איז געגנבעט געווארען פון דער תל אביב'ער ביורא פון „העברה".

אין שייכות דערמיט, האט פאליציי אדורכגעפיהרט א רעוויזיע אין דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע פון „הירדן", וועלכע האט קיין שום רעזולטאט נישט געבראכט און קיינעם נישט ארעסדישען קאפיטאל פון דייטשלאנד, פון דער זעלטירט.

בעמ. פון רעדאקציע:

אין דער צייט, ווען אנפיהרענדע ציוניסטישע פערזענליכקייטען פיהרען איצט א קאמף געגען טראנספער, גלויבט זיך נישט, אז די „העברה" פיהרט ווייטער אונטערהאנדלונגען וועגען דייטשען אימפארט. מ'דארף דערום אפווארטען אויף גענויערע ידיעות פון ארץ־ישראל.

# ארויסגעשיקט פון לאנדאן

## דעם קארעספאנדענט פון „פעלקישען בעאבאכטער"

לאנדאן, 11 (ספ. טעל.)

די ענגלישע רעגירונג האט ארויסגעשיקט פון גרויס־בריטאניען דעם ד"ר טהאסט, דעם לאנדאנער קארעספאנדענט פון „פעלקישען בעאבאכטער" און דעם הויפט־רעפרעזענטאנט פון דער היטלעריסטישער פרעסע. מ'האט איהם, דעם ד"ר טהאסט דערקלעהרט, אז דאס ווייטערדיגע בלייבען זיינס אין לאנדאן ליגט נישט אין די אינטערעסען פון דער געזעלשאפט. דער ד"ר טהאסט פאהרט דעריבער מארגען ארויס פון לאנדאן.

אין די רעגירונגס־קרייזען זאגט מען זיך אפצו געבען ווייטערדיגע דערקלעהרונגען בנוגע דעם דאזיגען שריט, וואס איז אזוי אויסטערליש פאר די ענגלישע פערהעלטענישען.

די סיבה פון ארויסשיקען דעם ד"ר טהאסט זאל זיין דער עיקר זיין אנפאל אויף טשערטשילן, אגב שייכות מיט דעם לעצטען ארטיקעל אין „סטרענד מאגאזין", וואו היטלער איז שטארק קריטיקירט געווארען. טהאסט האט דערויף אפגעדרוקט אין „פעלקישען בעאבאכטער" אן'ארטיקעל וועלכער ווערט בעטראכט אין לאנדאן אלס א זא, וואס גייט איבער די דערלאזבארע גרעניצען.

## ארויסגעשיקט פון דאנציג

### דעם רעדאקטאר בערמאן פון „דאנציגער פאסט"

דאנציג, 11 (יט"א טעלעגראפיש)

דער רעדאקטאר בערמאן פון דער איינציגער יודישער צייטונג „דאנציגער פאסט" איז ארויסגעשיקט געווארען פון דאנציג.

## יודישער דאקטאר פערמשפט פאר „ראסען־שאנדע"

### אויף 10 יאהר תפיסה

בערלין, 11 (יט"א טעלעגראפיש)

אין קרייז־געריכט אין קאסעל איז דער 53־יעהריגער יודישער דאקטאר פאול בריק, פערמשפט געווארען פאר „ראסען־שאנדע" אויף 9 יאהר תפיסה.

## אראבער וועלען נישט מקבל פנים זיין

### דעם הויך־קאמיסאר וואוקאפ

ירושלים, 11 (יט"א טעלעגראפיש)

די אראבישע פיהרער האבען אויף זייער לעצטער זיצונג בעשלאסען, נישט מקבל פנים צו זיין דעם הויך־קאמיסאר וואוקאפ, ביי זיין צוריקקומען קיין ארץ־ישראל.

## פערטיילט די רעסארטען

### פון דער יוד. אגענץ

ירושלים, 11 (יט"א טעלעגראפיש)

די עקזעקוטיוו פון דער אגענץ האט שוין פערטיילט די רעסארטען.

פרעזעס — בן גריון, וועלכער וועט אויך אנפיהרען מיט'ן פאליטישען דעפארטאמענט צוזאמען מיט טשערטאק'ן; קאפלאן — פינאנסען. גרינבוים — ארב.־דעפארטאמענט. ד"ר סענאטאר — אימיגראציע־דעפארטאמענט. משה שפירא פון הפועל המזרחי. ראטענשטרייך — אינדוסטריע־דעפארטאמענט. פישמאן, גרינבוים און בן גריון — ארגאניזאציע־דעפארטאמענט.

די ווירטשאפטליכע רעסארטען וועלען פערטיילט ווערען ערשט דאן, ווען ד"ר רופין און ד"ר העקסטער וועלען צוריקקומען קיין ארץ־ישראל.

## שוועריגקייטען פאר טוריסטען,

### וואס פאהרען קיין ארץ־ישראל

ווארשא, 11 (יט"א טעלעפאניש)

דער ענגלישער קאנסול מאכט ווידער שוועריגקייטען פאר טוריסטען קיין ארץ־ישראל. ביז איצט איז גענוג געווען צו דעפאנירען 1800 זל. איצט פאדערט דער קאנסול א חוץ דער דעפאנירטער סומע — אויך א התחייבות, אז ער וועט בלייבען אין לאנד נישט מעהר ווי 3 חדשים, און אז ער וועט אויך נישט פערלענגערן די וויזע.

Dr. med.

HALTRECHT

ספעציעל־ארצט פאר הויט־, געשלעכטס־קראנקהייטען און מענער־שוועכע

פיעטריקאווער 10, טעל. 245-21

נעהמט אן פון 8 פריה ביז 2 מיטאג און פון 5 ביז 9 אוו.

זונטאג פון 10—1 מיטאג. אלס ארט אנאליזען פאר אונבעמיטעלטע לעטשניצע־פרייזען

א ספעציעלער ווארטע־זאל פאר פרויען.

# רעדעס פון די פערטיידיגער

## אויפ'ן פראצעס פון די דריי יודען אין גראדנע

### די חוצפה פון דעם נארא־אדוואקאט.

עס איז געווען פאראויסצוזעהען, אז ווי באלד צום פראצעס פון די דריי מארצינקאנצער יודען זענען אראפגעקומען אזעלכע 2 ענדעקישע גדולים ווי אדוו. באזשענצקי און דער נארא־פיהרער קורציוש, וועט דער פראצעס ארויסגיין פון די ענגע יורידישע ראהמען.

און אזוי איז עס געווען: קורציוש האט געהאט די חוצפה אין זיין געמיינער מיטינג־דרשה אוועקצוזעצען אויף דער בעשולדיגונגס־באנק אויך אלע יודישע עדות פון אלע פראצעסען, וואו מען האט גע'משפט און מען וועט משפט'ן יודען, אויך בכלל דאס גאנצע יודישע פאלק, די יודישע רעליגיע, יודישע עטיק, תלמוד, און ער האט שוין פון פאראויס בעשולדיגט דעם יודישען כלל פאר מערדערייען איבער קריסטען, וואס וועלען נאך, לויט זיין מיינונג, פארקומען אין דער צוקונפט.

דער פראצעס פון די דריי מארציקאנצער יודען, וואס האט זיך אזוי מאדנע אריינגעקייטעלט אין דעם „פראצעס פון די 17", איז אזוי ארום שיער נישט פערוואנדעלט געווארען אין א פראצעס געגען יודענטום בכלל.

### דער געוואלדיגער קאנטראסט

די דריי פערטיידיגער פון די מארצינקאנצער יודען האבען דעם נארא־אדוואקאטל געגעבען א ווירדיגען ענטפער.

דער ערשטער האט גלייך נאך קורציושן גערעדט דער אנגעזעהענער אלטער אדוואקאט, געוו. פרעזעס פון ווילנער אפעלאציע־געריכט און אוניווערזיטעטס־פראפעסאר ה' פעטרוסעוויטש —

און ס'האט פשוט געריסען די אויגען דער געוואלטיגער קאנטראסט צווישען דעם חשוב'ן פוילישען ליבעראל פון אלטען דור און דעם שרייאיגען, חוצפה'דיגען פיהרער פון פערבלענדעטען, אויפגעהעצטען יונגען דור, וואס וויל איינפלאנצען אין פוילען דעם היטלעריסטישען ווילד־גראז....

### ווירדיגע רעדע פון אדוו. פעטרוסעוויטש

אדוו. פעטרוסעוויטש האט פערטיידיגט יאצונסקין און קאבראווסקין.

„קודם כל — האט ער אנגעהויבען זיין רעדע — מוז איך אפשטויסען דעם טאן פון דער לעצטער רעדע; דא אויפן ריכטער־טיש שטייט דער סימבאל פון קריסטוסעס פיין, און נישט קיין אנדערער ווי קריסטוס האט דאך געלאזען פאר דער וועלט דעם געבאט זאל נישט זיין קיין חילוק צווישען יוד און גריך! דער יונגער קאלעגע האט זיכער נישט דורכגעטראכט זיינע ווערטער, ווען ער האט זיך ערלויבט די דרייסטקייט פארן מאיעסטעט פון געריכט צו פאדערען, אז עס זאל געמאכט ווערען אן'אונטערשיד צווישען עדות און אן'אונטערשיד צווישען אנגעקלאגטע!

דאס געריכט ווייס בלויז איין אונטערשיד: שולדיג אדער אומשולדיג, עדות בעגלויבטע אדער נישט בעגלויבטע — א פערברעך איז תמיד א פערברעך אומאפהענגיג דערפון, ווער עס בעגעהט איהם; פונקט ווי א קריסט האט אויך א יוד רעכט צו פערטיידיגען זיך, ווען די בעדינגונגען צווינגען דערצו, און קיינער קען אט דאס רעכט ביי איהם נישט צונעהמען!

איין בקשה האב איך צום געריכט: לאמיר נישט זיין אין די „היינטיגע" וועגען; לאמיר האבען אין זינען בלויז גערעכטיגקייט; לאמיר בעשטראפען בלויז די, וואס פערדינען עס, גאנץ גלייך, צי א יוד, צי א קריסט; לאמיר נישט אנהויבען דווקא אט דעם פראצעס פון א נייער געזעצגעבונג!

איבערצייגענדיג צום עצם ענין, ווייזט אן דער רעדנער, אז דער בעשולדיגונגס־אקט האט נישט דערמאהנט מיט קיין איין ווארט די האק, מיט וועלכער מארקעוויטש האט זיך בענוצט, און דאס איז דאך אן'העכסט־וויכטיגער אומשטאנד; אז מארקעוויטש, האט אפערירט מיט דער האק האבען דאך בעשטעטיגט אפילו זיין קליינער זוהן און די עדות פון דער בעשולדיגונג; און עס איז אויך א פאקט, אז מארקעוויטש האט דאך עפעס גערעדט און גע־שריגען וועגען שלאגען יודען.

איך בין נישט געווען אויפן פראצעס פון די געשעהענישען, וואס קומט פאר אין דעם זעלביגען זאל, אבער ס'איז דאך קלאר, אז פון אזוינע לאזונגען ווי „שלאגען יודען־ביילים" קענען געשאפען ווערען שטימונגען, וואס פיהרען צו טרויעריגע קאנסעקווענצען.

מען האט דא גאנץ אומזיסטיג דערמאהנט דעם מארד איבערן סטוח. וואצלאווסקי אין ווילנע — איך בין עס געווען דער פערטיידיגער פון דעם בעשולדיגטען יודישען סטודענט וואולפין, און הגם ס'איז דערוויזען געווארען, אז וואולפין האט עס געווארפען דעם שטיין, וואס האט געטראפען וואצלאווסקין, דאך איז דער ענטגילטיגער אורטייל — דריי חדשים טורמע; אויב מען דערמאהנט דעם ענין וואצלאווסקי, מוז אויך דערמאהנט ווערען דער דאזיגער אורטייל פון פוילישען הויכען געריכט!

אויב מען וויל אויפריכטיג אריינטראגען א בערוהיגונג אין דער ארומיגער אטמאספער, טארען נישט דערלאזען ווערען קיין אומגעוואונשענע שטימונגען; צי איז עס געוואונשען, אז דער קליינער מאריאן מארקעוויטש א 7־יאהריג קינד, זאל דערציילען וועגען א פאליציי־קאמענדאנט, וואס יודען זאלען איהם האבען נאכן פארפאל גענומען אונטערן האנט און געפיהרט אויף א שנאפס!? ווען דאס וואלט געווען אמת, וואלט דאך דער קאמענדאנט געזעסען אין טורמע! צי האט עס בעשטעטיגט כאטש איינער אפילו פון די קריסטליכע עדות? ניין, ס'איז קלאר, אז דאס קינד האט איבערגע'חזר'ט פרעמדע סוגעסטיעס, בעאיינפלוסטע זאכען!

צי דארפען אזוינע שטימונגען הערשען אין געריכטס־זאל און ביים ריכטער־טיש? ניין, דא דארף דער ענין בעהאנדעלט ווערען רוהיג און אביעקטיוו!

פון וואנען נעהמט דער בעשולדיגונגס־אקט אז אלע דריי אנגעקלאגטע האבען געהאט די כוונה דווקא צו ערמארדען מארקעוויטשען? אפילו מארקעוויטשעס בעגלייטער, אבוכאווסקי, וועלכען מען קען נישט חושד זיין אין סימפאטיעס צו יודען, זאגט, דאך בפירוש, אז קאבראווסקי, למשל, האט גאר איהם געשלאגען און נישט מארקעוויטשען; ווען יאצונסקים קינד האט אלארמירט קאבראווסקין, אז מען שלאגט זיין טאטען, איז דאך געווען זיין פליכט צו לויפען זעהען, וואס עס קומט פאר, איז עס א גרונד איהם צו בעשולדיגען? די איינציגע וואס האבען „געזעהען" אז קאבראווסקי האט געשלאגען מארקעוויטשען, איז די משפחה סאוויצקי (א טאטע מיט צוויי זיהן), הגם אלע איבעריגע עדות האבען נאר געזעהען, אז קאבראווסקי שלאגט זיך מיט אבוכאווסקין — די משפחה סאוויצקי האט אפילו די פראקוראטור נישט געהאלטען פאר נויטיג צו רופען אין געריכט און זיי זענען געבראכט געווארען דורך די ציוויל־מאהנער.

ס'איז געווען א געשלעג און ס'איז א פאקט, אז אנגעהויבען דעם געשלעג האט מארקעוויטש; יאצונסקי האט זיך פערטיידיגט און ער קען העכסטענס געמשפט ווערען לויטן ארט. 240 פאר בעטייליגען זיך אין א געשלעג. אבער נישט לויטן ארט. 225 פונקט 1 פאר א בפיונ'דיגען מארד; קאבראווסקי האט נישט געשלאגען מארקעוויטשען און ער איז נישט שולדיג!

### אדוו. פירסטענבערגס רעדע

— „מיר האבען דא פון די ציוויל־מאהנערס געהערט 2 רעדעס: איינע א רוהיגע און א זאכליכע, די צווייטע אזא, וואס צום ערשטען מאל אין מיין לעבען הער איך אין א געריכטס־זאל.

מען האט זיך דא פעררופען אויפן תלמוד; אפשר איז דער יונגער אדוואקאט א גרויסער קענער פון תלמוד; איך בין גראד געווען אויף ביילים פראצעס, און דארטען האט זיך בולט ארויסגעוויזען, אז פעררופען זיך אויפ'ן תלמוד קאן מען נאר דאן, ווען מ'לערענט איהם אין אריגינאל; אפשר קען עס דער ציוויל־מאהנער. איך קען עס נישט, און דעריבער בין איך נייסט ביכולת אנצעווענדען דעם דאזיגען ארגומענט.

איך בין פיזיש און מאראליש אויסגעמאטערט פון זיצען 4 טעג כסדר דא אין געריכטס־זאל און ס'איז פאר מיר שווער געווען אויסצוהערען זאכען, וועלכע טרעפען מיר צום ערשטען מאל אין מיין פראקטיק.

איהר זאגט, אז איהר ווילט נישט קיין נקמה, עס קומט אייך קיין דאנק נישט, ווייל דער פוילישער קארעקס זעהט נישט פאר קיין נקמה? איהר קענט מאהנען בלויז געלד, אבער נישט רעקלאמירען וועגען נקמה!

איהר האט דערמאהנט דעם ענין וואצלאווסקי; איך וויל דערמאהנען א פראצעס, עהנליך צום איצטיגען, וואס איז פאריגע וואך בעטראכט געווארען דורך דעמזעלבען גראדנער קרייז־געריכט אין וואלקאוויסק, וואו 3 פויערים — פראוואסלאווגע — זענען בעפאלען א 4־טען מיט אייזענס — דארטען האט בען מיר אזוינע זאכען נישט געהערט און דאס געריכט האט דארט אפילו געמילדערט די קוואליפיקאציע פון דער שולד.

מ'האט דא געפרובט דיסקוואליפיצירען די יודישע עדות, מחמת יודען זאגען פרינציפיעל ליגען— צי איז דערלאזבאר אזוי צו טיילען עדות אין א פוילישען געריכט, וואו ס'הערשט בלויז איין פרינציפ — גערעכטיגקייט!

עס זענען נישטא קיין עדות פון פערטיידיגונג און קיין עדות פון בעשולדיגונג — ס'זענען בלויז פארהאן עדות, וואס ווערען גערופען דורך'ן געריכט.

צי איז דער יודישער עדות פראכטענבערג, א מלחמה־אינוואליד אהן א פוס, ווייניגער בעגלויבט ווי דער עדות סאוויצקי מיט זיינע זיהן און ווי די איבריגע עדות, וואס האבען זיך כסדר געפלאנטערט אין די רייד?

דוכט זיך, דער פראצעס איז נישט קיין אויסנאהם פון א סך אזעלכע פראצעסען, אבער פון אנהויב אן פיהלט זיך דא עפעס אן'אנדער אטמאספער און אן'אנדערער צוגאנג; אט די אטמאספער איז עס דער רעזולטאט פון אזעלכע אויסרופען: ווי „בעי זשידאוו, ספאסאי ראסיו". וואס מארקעוויטש האט געשריען אין מארצינקאניץ.

ס'איז איבריג צו רעאגירען אויף דער רעדע פון דעם ציוויל־מאהנער, וועלכער פאדערט פאר די אנגעקלאגטע א גרעסערע שטראף בלויז דערפאר, ווייל זיי זענען יודען; איהר ה'ה ריכטער, משפט דא דריי מענשען, פון וועלכע לגבי איינעם קאבראקאווסקי איז בכלל קיין שום בעווייזען נישטא, און איהר דארפט פערגעסען, אז דאס זענען יודען, ווייל אזא קוואליפיקאציע איז אין [illegible]שען געריכט נישטא!

Dr.

Wołkowyski

ציגעל־גאס 11, טעל. 238-02

ספעצ. פאר טריפער, סיפיליס און הויט־קראנקה.

בעהאנדלונג פון מענער־שוועכע

נעמט אן פון 8—11 בייטאג און פון 4—9 אוונד.

Dr. med. L. Berman

צעגעלניאנא 15, טעל. 149-07

ספעציאל־ארצט פאר מענער־שוועכע־בעהאנדלונג און סעקסועלע בעראטונג.

נעמט אן פון 8—11 און פון 4—8 אווענד.

זונטאג פון 9—1 פארמיטאג.

פאר אונבעמיטעלטע — לעטשניצע־פרייזען

# די אקטאבער פייערליכקייטן אין מאסקווע

## וואס דערציילט די פראנצויזישע דעלעגאציע וועגן דייטשלאנד

דער 18. יאהר־טאג פון דער באלשעוויסטישער איבערקעהרעניש איז דאס מאל אין ראטען־פערבאנד געפייערט געווארען מיט אויסערגעוועהנליכער פראכט. דעם 7. נאוועמבער האט מאסקווע געמאכט א אימפאזאנטען איינדרוק. דער ענטוזיאזם פון דער בעפעלקערונג איז געווען א אויסערגעוועהנליכער. שוין אין דעם פריהען מארגן האבן זיך איבער די גאסען בעוויזען ארבייטער אפטיילונגען מיט פעהנער און טראנספאראנטען וואס זענען ארויס פון די פערשידענע פאבריקען, וואו זיי האבען זיך צונויפגעזאמעלט. פון אלע זייטען האבען מארשירט די ארבייטער אפטיילונגען און אהן אויפהער האבען זיך געהערט די אויסרופען לכבוד סטאלינען און קאגאנאוויטשען, אזוי האבען זיך פון אלע עקען מאסקווע אונטער'ן פלאטערען פון פעהנער, געזאנג אויסרופען געצויגען מחנות ארבייטער, וואס האבען געאיילט אויפ'ן רויטען פלאץ.

ווען דער זייגער האט אויפ'ן טורם פון קרעמל געקלונגען 10 האט זיך דערהערט א מעכטיגער הורא פון דער ברוסט פון טויזענטער סאלדאטען פון דער רויטער ארמעע און פון בעוואפענטע ארבייטער לכבוד וואראשילאוון, דער אמאליגער מעטאל־ארבייטער, וואס איז איצט קאמיסאר און אויבער־שטער אנפיהרער פון דער סאוויעטישער ארמעע.

וואראשילאוו האט בעגריסט דאס פערזאמעלטע פאלק אין נאמען פון צענטראל־קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי און דער סאוויעטישער רעפובליק. ער האט גערעדט וועגן ערפאלג פון דער סאציאליסטישער ווירטשאפט, סאציאליסטישער קולטור. ער האט אויך גערעדט וועגן דעם אומבויגזאמען וואונש פון פאלק אין ראטען־פערבאנד און פון דער סאוויעטישער רעגירונג אויפצוהאלטען דעם שלום, אבער די ארמעע פון ארבייטער און פויער — האט וואראשילאוו געזאגט — וואס פערטיידיגט דעם שלום איז גרייט יעדע מינוט צו שלאגען דעם שונא, וואס וועט וואגען צו בעטרעטען דעם באדען פון ראטען פערבאנד.

דאן האבען אפטיילונגען פון דער רויטער פיעכאטע און טויזענטער טויזענטער ארבייטער דעפילירט פאר דעם מאוזאלעום וואו עס זענען געשטאנען סטאלין און די שעפען פון דער ראטען רעגירונג און פון דער קאמוניסטישער פארטיי. דארט זענען אויך געשטאנען דעלעגאציעס פון ארבייטער פון די פערשידענסטע לענדער.

א וואלד פון רויטע פעהנער: דאס זענען געווען די קאמבאטאנטען פון די באריקאדן קעמפער פון 1905 און פון די ארגאניזאטארן פון די פארטיזאנער און רויטער גווארדיע פון דער פראלעטארישער רעוואלוציע פון 1917, אבער באלד האט די ערד אנגעהויבען צו ציטערען אונטער דער לאסט פון דער מאטאריזירטער ארטילעריע, פון די הארמאטען געגען עראפלאנען און דער גאנצער פלאץ איז פשוט פערטויבט געווארען פון דעם רויש, וואס עס האבען אנגעמאכט די טאנקס וואס זענען געגאנגען אין פינף רייהען.

די פייערונגען אין לויפענדען יאהר האבען זיך אויסגעצייכענט מיט א בעזונדערס גרויסע צאהל טראנספאראנטען, וואס האבען אויפגעפאדערט די ארבייטער פון די קאפיטאליסטישע לענדער צו איי־ניגקייט, די פייערליכקייטען האבען געמאכט א גע־וואלדיגען איינדרוק אויף די דעלעגאציעס פון די אויסלענדישע ארבייטער, וואס זענען געקומען צו דער פייערונג פון 7־טען נאוועמבער קיין מאסקווע, די דעלעגאציעס פון די אויסלענדישע ארבייטער, פראנצויזען, ענגלענדער, טשעכען, אמעריקאנער, שוועדען אלע אהן אויסנאהם האבען זיך אנגע־שלאסען אין דער דעפילאדע און מארשירט צוזאמען מיט די מאסקווער ארבייטער.

אין שייכות מיט'ן אנקומען פון די דעלעגאציעס פון אויסלענדישע ארבייטער צו די פייערליכקייטען האט די „פראוודא" פערעפענטליכט א אינטערוויאו מיט די אנטיילנעהמער פון דער פראנצויזישער דע־לעגאציע.

דער פיהרער פון דער פראנצויזישער דעלע־גאציע, דער סאציאליסט מארסעל קא, האט צווישען אנדערען ערקלערט פאלגענדעס: מיר זענען אדורך די דייטשע און פוילישע גרעניצען, אויף דער דייטשער גרעניץ, נאכדעם ווי מען האט קאנטראלירט אונזערע פעסער איז אין אונזער וואגאן אריינגעקו־מען א מונדירטער שטורמיסט, שווייגענדיג און אנ־געבלאזען האט ער ערפילט די מיסיע, וואס ער האט בעקומען, אונז צו איבערוואכען, אויף די סטא־ציעס האבען זיך ארום אונזער וואגאן ארומגעדרעהט פערשוינען אין ציוויל, וואס האבען זעהט אויס געהאט דיזעלבע אויפגאבע, וואס אונזער „בעגליי־טער" מיט דעם האקען קרייץ אין וואגאן; נישט צו דערלאזען, אז מיר זאלען זיך קענען קאמוניקירען מיט דער בעפעלקערונג.

אבער דאן איז אונז שוין הארט אויף דער פויליש־דייטשער גרעניץ געלונגען צו וועקסלען א פאר ווערטער מיט א רעפרעזענטאנט פון דעם נישט אפיציעלען דייטשלאנד. דאס איז געווען א בעאמטער פון צאל־אמט.

— וואוהין פאהרט איהר? האט ער זיך גע־פרעגט.

— קיין ראטען־פערבאנד

— אויף א אמת? און וואס האט איהר בדעה דארט צו מאכען?

— זעהען צי די ארבייטער זענען גליקליך.

דער צאל בעאמטער האט שנעל זיך געגעבען א קוק ארום און דאן אין דער שטיל א זאג געטון צו מארסעל קא:

— צווייפעלט נישט אין דעם, זיי זענען מעהר ווי גליקליך.

— און ביי אייך?

— פרעגט בעסער נישט!

די ארבייטער פון טשעכאסלאוואקיי האבען צו די אקטאבער פייערליכקייטען געשיקט קיין מאסקווע א דעלעגאציע פון 40 מאן, דאס רוב פארשטעהער פון די וויכטיגסטע פאבריקען אין לאנד. דאס רוב דעלעגאטען פון סאציאליסטישע פארטייען דערונ־טער אויך זעקס דעלעגאטען פון די סודעטען דייטשען.

# „א פאלק זיצט פערשפארט אין א שטייג און ווערט געפייניגט"

## די יודען־רדיפות אין דייטשלאנד זענען א כסדר'דיגע און עקשנות'דיגע שטערונג צו א בעסערע פערשטענדעניש צווישען ענגלאנד און דייטשלאנד — די „טיימס" וועגען דער לאגע פון די יודען אין דייטשלאנד

לאנדאן (יט"א) די יט"א האט שוין טעלע־גראפיש מיטגעטיילט וועגען דעם שארפען ווארנונגס־ארטיקעל פון „טיימס" געגען די רדיפות אויף יודען אין דייטשלאנד. דער נומער „טיימס" אין וועלכען דער ארטיקעל איז ערשינען, איז, ווי יט"א האט שוין מיטגעטיילט, אין דייטשלאנד קאנפיסקירט געווארען. דער ארטיקעל טראגט די איבערשריפט „רדיפות אהן נוצען" און עס ווערט אין איהם צ.ו. אנד. געזאגט:

יעדע רעוואלוציע פלעגט אין דער געשיכטע אין א געוויסען מאמענט אפגעשטעלט ווערען, אויב איהרע רעזולטאטען האבען געזאלט זיין פערמאנענט. ווי עס שיינט, איז נאך אין דייטשלאנד נישט דער־גרייכט געווארען די דאזיגע מדרגה פון סטאביליטעט די נירענבערגער געזעצען האט מען אין אויסלאנד פערשטאנען אלס אנקינדיגונג פאר'ן סוף פון דער ווילקירליכער יודען־פרעסעריי. דאס געזעץ האט ווידער געדארפט אריין אין קראפט. די יודען האבען דאך געדארפט בעקומען געוויסע רעכט, הגם בלויז רעכט פון „בירגער פון צווייטער קלאס". אבער די איצטיגע לאגע פון די יודען בעווייזט, אויף ווי ווייט טעות'דיג עס זענען געווען אפילו אזעלכע פאראויסזעהונגען. די פאנאטישע פארמולי־רונגען, רעפרעסיעס, און רדיפות פון א גע־מיינשאפט, וואס שטעלט נישט קיין ווידערשטאנד און איז הילפלאז, שיינען איצט צו זיין אויף אייביג מחוץ פון יעדער קאנטראל און אחריות."

א פאלק זיצט פערשפארט אין א שטייג און ווערט געפייניגט. על־פי־רוב קענען די יודען אפילו נישט ענטלויפען. און די פערפאלגונג איז נישט בלויז א סאציאלע, נאר אויך א ווירטשאפטליכע. אז מען האט זיי שוין צוגענומען די רעכט פון בירגער, נעמט מען ביי זיי איצט צו די רעכט פון לעבען. נישטא קיין אויסנאהם פאר געשלעכט אדער עלטער: זאגאר די קינדער קאנען נישט ענטרינען — דאס איז אפשר די גרויזאמסטע דיסקרימינאציע, און דאס אין א צייט, ווען די באלשעוויקעס, וואס זייער טעכניק פאלגען נאך די נאציס מיט א כמעט קנעכטישער טריוהייט, לאזען פאלען אין זייערע שולען דעם קלאסען־פלפול.

עס איז אומפערשטענדליך, — שרייבט די „טיימס" ווייטער — אז א געזעלשאפט, וואס טא־לערירט אזעלכע רשעות'ן, מוז שניידען די פרוכט פון איהר זריעה. ווען די אונגעזעצליכע איינמישונג אין די ענינים פון פריוואטע יחידים איז ערלויבט און ווען דער מסור ווערט ערמוטיגט, איז קיין חידוש נישט, אז מען דערוויסט זיך, דאס דייטש־לאנד איז געווארען א „גן־עדן פאר שאנטאזשיס־טען". קיין וואונדער נישט, וואס די דייטשען גופא מוזען ליידען צוליב דער עוולה, וואס ווערט געטון יודען דורך צווינגען זיי צו באנקראט און געשעפ־טען־ליקווידאציע. דאס קען צופרידען־שטעלן די ווירטשאפטליכע גאוה פון דעם קליינעם האנ־דעלסמאן פון מיטעלשטאנד. וואו דער נאציאנאל־סאציאליזם האט אנגעהויבען זיין קאריערע. טייל פון די דאזיגע קליינע האנדעלס־לייט קאנען אפילו האבען אביסעל נוצען דערפון, פאר דער מלוכה אלס גאנצעס שאפט עס אבער א נייע און שווערע לאסט, א פשיטא שוין, אז די קאנסעקווענצען דערפון זענען אין־לשער פאר'ן אויסלענדישען האנדעל פון דייטשלאנד. מען קען אויך נישט איזאלירען די פאליטישע ווירקונג, טראג'ן דעם פעסטען און פער־נונפטיגען צווישענשייד. וואס יעדע מלוכה איז הייגט מסכים צו ציהען צווישען איהר אויסלענדישע און אינלענדישער פאליטיק.

אין אויספיהר שטעלט פעסט די „טיימס":

די געשעהענישען, וואס האבען אזוי אויפ־געטרייסעלט די עפענטליכע מיינונג אין אויסלאנד און ארויסגערופען אזא טיפען ווידער־ווילען, זענען אפשר נאך בעדויערנסווערטער אין ענגלאנד, ווי אין יעדען אנדער לאנד. זיי זענען א כסדר'דיגע און עקשנות'דיגע שטערונג פאר א בעסערער פערשטענדיגונג צווישען בייד פעל־קער (ענגלענדער און דייטשען), וועלכע איז אזוי נויטיג פאר א בעסערער ענטוויקלונג און ארגאני־זאציע פון אייראפא אין אינטערעס פון בייד פעלקער. די דאזיגע געשעהענישען וועלען אפשר נישט אנריהרען די קארעקטהייט פון די בעצי־הונגען צווישען בייד רעגירונגען, אדער דאס אפשליסען פון בעזונדערע אפמאכען און שטאטס־אקטען. אבער דער דרך פון פארמעלער דיפלאמאטיע קען נישט ערזעצען דעם גוטען ווילען פון פאלק, וואס דארף זיך שטיצען אויף א געוויסע בשות־פות'דיגקייט פון אויסבליק מיט'ן צוועק צו דער־נעהנטערן זיך צו א ברייטערן ציל.

# יודישער דאקטאר פון לאדז ערפונדען וויכטיג פערהיטונגס־מיטעל געגען סיפיליס

## פראפ. לעוואדיטי טיילט מיט וועגען דעם אין דער פראנצ. מעד. אקאדעמיע

פון פאריז איז מען מודיע:

דער בעריהמטער פראנצויזישער געלעהרטער פראפעסאר לעוואדיטי האט איבערגעגעבען אין דער פאריזער מעדיצינישער אקאדעמיע אנ'אינטערע־סאנטע מיטטיילונג פון לאדזער יודישען דאקטאר ה' זאנענבערג, וועגען זיינע עקספערימענטען איבער א פרעווענטיווער היילונג פון דער סיפיליס־קראנקהייט.

ד"ר זאנענבערג אין לאדז האט זיינע עקספע־רימענטען אנגעהויבען אין 1927 איינשפריצענדיג פראסטיטואירענדע פרויען ביסמוט. אלע פינף טעג האט ער זיי געמאכט ווידערשטאנדס - פעהיג געגען דער סיפיליס־קראנקהייט.

די ערשטע רעזולטאטען האבען בעשטעטיגט אז די סיפיליס - קראנקהייט איז רעדוצירט גע־ווארען אויף 4 און 8 פראצענט. ביז 1934 האט ד"ר זאנענבערג אין לאדז בעהאנדעלט 327 גאַ־סען־פרויען און קיין איינע פון זיי האט זיך נישט אנגעשטעקט מיט סיפיליס.

פראפעסאר לעוואדיטי האט אויסגעדריקט דעם וואונש, אז די מעטאדע פון ד"ר זאנענבערג זאל אדאפטירט ווערען אין די צענטרען, וואו פראס־טיטוציע ווערט קאנטראלירט.

# „אונזער קאמף"—200 ביישפילן פון דעם אונטערערדישן קאמף אין דייטשלאנד

ווער עס פערפאלגט גענוי די אויסלענדישע פרעסע און פרובירט צו מאכען זיך א בעגריף וועגען דער לאגע אין דריטען רייך, דער קען אויפ'ן סמך פון די בעריכטען מעהר אדער ווייניגער האבען א בעגריף וועגען דער ווירטשאפטליכער לאגע, וועגען די בעוואפנונגען, רעליגיעזען קאמף, יודען־פערפאלגונגען א. א. וו. אבער זעלטען האבען די אויסלענדישע זשורנאליסטען אין דייטש־לאנד די געלעגענהייט עפעס וואס מיטצוטיילען וועגען דעם אונלעגאלען קאמף אין דייטשלאנד. די סיבות, פארוואס דאס איז אזוי, זענען קלאר. יעדער לאקאלער קארעספאנדענט, וואס וואלט נאר געוואגט צו קומען אין פערבינדונג מיט די דאזי־גע קעמפער, וואלט אין משך פון 24 שעה ארויס־געשיקט געווארען פון דייטשלאנד, אויב ער וואלט נישט פריהער אריינגעפאלען אין הפיסה, אדער אין קאנצענטראציע־לאגער און געטיילט דעם גורל פון צעהנער טויזענטער פון דריטען רייך. און אזוי געשעהט עס, אז די וועלט איז ווייניג וואס אינ־פארמירט וועגן דעם אויפרעגענדסטען און וויכ־טיגסטען פראנט־קאמף אין היטלער־דייטשלאנד. דער אונטערערדישער קאמף פון די אנטי־פאשיסטען אין דייטשלאנד ווערט נאר זעלטען און דאס רוב אויפ'ן יסוד פון עלטע'ע מאטעריאלען, בעהאנ־דעלט אין דער אויסלענדישער פרעסע.

איצט איז אין פערלאג אלטריכטער אין פראג פערעפענטליכט געווארען א בוך: „אונזער קאמף", וואס קען בעטראכט ווערען אלס דאס וויכטיגסטע בוך, וואס איז ביז איצט ערשינען וועגען היטלער־דייטשלאנד. אין 200 בייששפילען ווערט אין בוך געשילדערט דער קאמף פון די אונלעגאלע אנטי־פאשיסטען אין דייטשלאנד געגען דער היטלער־דיקטאטור. עס ווערט בעריכטעט וועגען אנהויב און די האפנונגספולע ענטוויקלונג פון דעם איי־נהייטס־פראנט אין היטלער־דייטשלאנד. אויפרופען, פלוגבלעטער, בעשלוסען פון קרייז־קאמיטעטען בע־ווייזען, ווי טיף דער איינהייטס־פראנט צווישען די קאמוניסטען און סאציאל־דעמאקראטען אין דייטש־לאנד גרייכט שוין בעת די וואהלען צו די פער־טרויאונגס־ראטען אין די פאבריקען, ביים קאמף פאר די ארבייטער־קאנדידאטען, ביי דער דעמאס־קירונג פון נאצי־שווינדעל, ביי דער זאמלונג פאר ארעסטירטע חברים, ביי דעם פאסיווען ווידער־שטאנד ביים פאלשען אקארד־אפרעכענונג, ביים קאמף געגען לויהן־רעדוקציע, געגען פערלענגערען פון דער ארבייטס־צייט, געגען דער פערקלענע־רונג פון די אונטערשטיצונגען, קאמף פאר אור־לויבען. איבעראל האט זיך ארויסגעוויזען די וויר־קונג פון איינהייטס־פראנט. אין 30 בייששפילען ווערט געשילדערט ווי אזוי עס זענען צוריק אויס־געבויט געווארען די פריערדיגע פראפעסיאנעלע פעראיי־נען. אין 20 בייששפילען ווערט אויף א פלאס־טישען אופן געוויזען דער אויפרעגענדער קאמף געגען היטלער'ס מלחמה־צוגרייטונגען אין דייטש־לאנד. דערביי ווערט דער קאמף געפיהרט גע־מיינזאם פון קאמוניסטישע און סאציאל דעמאקרא־טישע ארבייטער. דער קאמף ארום דער יוגענד, די אפענסיווע געגען דער שאוויניסטישער העצע ווערען אילוסטרירט דורך בייששפילען, וואס בלייבען א־נפערגעסליך.

צום סוף פון בוך ווערט געגעבען אנ'אויס־געצייכענטע אנווייזונג פאר דער אונלעגאלער אר־בייט און פאר די קאנספיראציע־מעטאדען אין היטלער - דייטשלאנד. דאס איז א טעארעטישע אפהאנדלונג ווי אזוי צו דרוקען און פערשפרייטען פלוג־בלעטער. דארט געפינען זיך אויך 15 פונק־טען פון א האמבורגער אונלעגאלער צייטונג פון דער קאמוניסטישער פארטיי, ווי אזוי א קאמוניסט דארף זיך פערהאלטען ביי דער אונלעגאלער אר־בייט. עס ווערט אויפגעקלערט ווי אזוי די „געס־טאפא" שפיאנירט און ווי אזוי מען דארף זיך געגען דעם שיצען. אין גלענצענד אויסגעוועהלטע בייששפילען ווערט געלערנט ווי אזוי צו בעקעמפען שפיצלעס און פעררעטער. עלף געבאטען פאר דעם ארעסטירטען לערנען ווי אזוי דער אונלעגאלער קעמפער האט זיך צו פערהאלטען. ריכטיגע און פאלשע פלוג־בלעטער־אקציעס זענען גענוי בע־שריבען. און צום סוף פון בוך ווערען ציטירט צוויי זעהר כאראקטעריסטישע פאלען אין וועלכע עס ווערט בעוויזען, אויף וואס פאר א אופן קאמו־ניסטישע ארבייטער בעקומען פערבינדונג מיט סא־ציאל־דעמאקראטען, ווי אזוי דאס ווערט ריכטיג און ווי אזוי פאלש געמאכט.

א גרויסע צאהל רעפראדוקציעס פון אונלע־גאלע צייטונגען בעווייזען, אז די אונטערערדישע פרעסע און בעזונדערס די קאמוניסטישע ווערט אין דייטשלאנד, נישט קוקענדיג אויפ'ן נאצי־טעראר און פערפאלגונגען שטארק פערשפרייט. אין בוך געפינען זיך רעפראדוצירט געדרוקטע און העק־טאגראפירטע אונלעגאלע צייטונגען פון אלע דייטשע קרייזען און פון אלע שטאט־טיילען פון בערלין. א סך צייטונגען פון פאבריקען דערגענצען דאס בילד. א סך פון די דאזיגע אונלעגאלע צייטונגען בעשעפטיגען זיך מיט דעם גורל פון ערנסט טהעל־מאן, וועלכער ווערט שוין איבער צוויי און א האלב יאהר געהאלטען אין דער ברוינער הפיסה. די ארטיקלען בעווייזען זיין גרויסע פאפולאריטעט.

דאס דאזיגע בוך בעווייזט אויף 170 זייטלעך, אז דער אונטערערדישער קאמף אין דייטשלאנד שטארקט זיך כסדר, עס בעווייזט די אונערמידליכע אקטיוויטעט פון דער דייטשער קאמוניסטישער פאר־טיי, וועלכע דער נאצי־רעזשים האט בעשלאסען צו פערניכטען, און וועלכע פיהרט נאך כמעט דריי יאהר דיקטאטור ווייטער דעם קאמף.

נייער פאלקסבלאט

# דאס לאדזער לעבן

נייער פאלקסבלאט

דינסטאג, 12 ט״ז מרחשון תרצו

**נאוועמבער**

זון-אויפגאנג 6.50
זון-אונטערגאנג 3.49

# די נעכטיגע נאוועמבער-פייערונג

## געעפענט די אויטאסטראדע לאדז—לאגעווניק

(א) נאָך עהערנעכטען אין אוונט האָבען זיך אין אונזער שטאט אָנגעהויבען די פייערונגען צו־ליב׳ן 17. יאהרטאג פון פוילענס אומאָפּהענגיגקייט. צוליב דעם שעהנעם וועטער זענען די גאסען געווען פול מיט שפּאַצירענדע ,וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו די טראדיציאָנעלע צאַפּשטיקען פון די מיליטע־רישע, טראמוואי, פּאָליציי און פייערלעשער אָר־קעסטערען.

נעכטען, פון אינדערפריה אָן, זענען די גאסען געווען איבערפולט קודם כל מיט דער שול־יוגענד וועלכע האָט געאיילט צו די גאָטעס־דינסטען, וואָס זענען פאָרגעקומען אין די קלויסטערס, שולען, קירכעס.

אין דער קאַטעדרע פון סטאַניסלאַוו קאָסטקע איז פאָרגעקומען א פייערליכע גאָטעסדינסט אין דער אָנוועזענהייט פון וואָיעוואדע האוקע־נאוואק, פול־קאָווניק האבערלינג, גענ. לאַנגנער, וויצע־וואָיעוואָ־דע פּאָטאצקי, סטאראסטע ד״ר ווראנע, פרעזידענט אינזש. גלאזעק, פאָרשטעהער פון געריכט, שולעס, געזעלשאַפטליכע ארגאניזאציעס, צעכען און א סך פובליקום. נאָך דעם גאָטעסדינסט האָבען זיך בע־זונדערע קאָמפּאַניעס בעגעגענט אויף האלער־פלאץ, וואו עס איז בעשטימט געוואָרען א דעפילאדע,,טוי־זענטער מענשען האָבען זיך צוגעקוקט צו דער דע־פילאדע וועלכע האָט זיך פערענדיגט מיט א צוג פון אויטאמאָבילען פון די פאבריקס קרייזען פון לאפּפּ.

אין דער וואָיעוואודזטווע האָט נאָכדעם וואָיע־וואָדע האוקע נאוואק דעקאָרירט מיט פערדינסט אָפּ־צייכנונגען פאָלגענדע בירגער פון אונזער שטאט: אַנ׳אָרדער פון ערוואכענדען פוילען — האָט בעקו־מען אדוו. פיאָטר קאָהן. גאלדענעם פערדינסט קרייץ האָבען בעקומען נאטשעלניק לעאָן בערקאָוויטש, אינזש. יאַן סולקאָווסקי, דיר. יוזעף לאָרטשאַק, אינזש. וואַצלאוו וואָיעוואודזקי, אינזש. מאַריאַן פיאסעצקי, פּאַוועל זייפעל, וויצע־דירעקטאר פון פּאָסט טשיעפלאק, לודוויג נויגעבויער.

זילבערנעם פערדינסט קרייץ: סטאניסלאוו צעד־ראווסקי, יאַן זעלאנאווסקי, לודוויג קאלסקי, יוזעף אורבאנאווסקי, יוליאן וואַגנער, וויקטאר בלומענ־פעלד, טאדעוש פראנדזינסקי, סטאניסלאוו סוליקאוו־סקי, לוציאַן מאיעווסקי, יאַן אלינסקי, יעזשי קשע־מינסקי, סטעפאַן יויבאר, פראנציִשעק מאזאלעווסקי, מיעטשיסלאוו נויפעלד. פאר די פערדינסטען אויפ׳ן געביט פון בילדונג האָבען בעקומען זילבערנע פער־דינסט קרייצען: סטאַניסלאַווא באבראווסקא, יוזעף ביעראָווסקי, סטעפאן יאקובאווסקי, יאַן קולא, סע־וועריִן קופינסקי, אַנטאני לאווינסקי, קש. קאזימיעזש לאפושאנסקי, אַלעקסאנדער מאדי, דירעקטארין פון דער ווירטשאַפטליכער שולע יוזעפאַ פוטערניצקא, פיאטר רוזאַלסקע, סטעפאַ סקופינסקא, לוציאן טיל־מאן, ראמאַן זשראבעק.

מיט בראנז קרייצען זענען אָפּגעצייכענט געוואָ־רען: יוזעף רייביאק, יואיצעך מאטושעווסקי, מיע־טשיסלאַוו פייוולאטשיק, הערמאַן הערלעך און א רייהע אַנדערע.

אַ חוץ דעם האָט דער וואָיעוואָדע פערטיילט זשעטאָנעןָ און עהרען־דיפּלאָמען, וועלכע זענען צו־געשיקט געוואָרען דורכ׳ן מיניסטעריום פון האנ־דעל און אינדוסטריע פאר א רייהע אַרבייטער און האנדווערקער צווישען זיי יוזעף האנעמאַן, אברהם גלאָסען, בערעק קאזמירסקי, אברהם ראבינאָוויטש און אנדערע.

נאָך די אַלע פייערונגען האָט זיך דער וואָיע־וואָדע אין בעגלייטונג פון פרעזידענט גלאזעק בעגעבען צו דער פייערליכער ערעפנונג פון דער אויטאסטראדע לאָדז—לאַגעווניק, די אויטאסטראדע איז אויסגעבויט געוואָרען פאר די קרעדיטען פון ארבייטס־פאָנד, נאָך דעם איבערשניידען דעם סימ־באָלישען באַנד איז דער וועג איבערגעגעבען גע־וואָרען צום בענוצען. דער ערשטער איז דעם נייעם וועג איבערגעפאָהרען אין זיין אויטא דער וואָיע־וואָדע.

נאָכמיטאג איז אין טעאַטער פּאָפּולאַרני פאָר־געקומען אַ פאָרשטעלונג פאר די זעלנער. אין אוונט איז אין שטאטישען טעאטער פאָרגעקומען אַ פייער־ליכע פאָרשטעלונג אין דער אָנוועזענהייט פון וואָיע־וואָדע, פרעזידענט און פאָרשטעהער פון געריכט, פּאָליציי און רעפרעזענטאנטען פון פערשידענע אר־גאניזאציעס.

אין משך פון טאָג זענען אין פערשידענע ,ער־טער פאָרגעקומען פייערליכע אקאַדעמיעס.

אין אלטשטעטישער שוהל איז נעכטען פאָרגע־קומען אַ גרויסע פייערליכקייט אין צוזאמענהאנג מיט׳ן אומאַפּהענגיגקייטס יום־טוב, די פייערונג איז איינגעאָרדענט געוואָרען דורך דער יודישער קהלה.

צו דער תפלה זענען געקומען די פאָרשטעהער פון דער וואָיעוואודזטווע ד״ר לאדינסקי און נאט־שעלניק יאנושעווסקי, פאָרשטעהער פון דער שטאט־פערוואלטונג וויצע־פרעזידענט גאדלעווסקי, פאר - שטעהער פון ד. אָ. ק., פּאָליציי־קאמאנדע, סטאַ־ראסטווע, פערוואַלטונג און ראט פון דער קהלה, ראבינאט, קאמבאטאנטען, לעגיאָן א. נ. פון בערעק יאסעלעוויטש, בריה־החייל, די האנדווערקער־עקס־פּאָזיטור, צענטר. האַנדוו. פערבאַנד, צעכען, שול־יוגענד און אַ זעהר גרויסער עולם מתפללים. דער חזן ווינאגראד אין בעגלייטונג פון כאָר אונטער דער דיר. פון פראָפ. זאַקס האָבען אָפּגעריכט די געהעריגע תפילות און דאן האָט פרעזעס דעפּ. מינצ־בערג געהאַלטען א גרויסע רעדע וועגען דער בע־דייטונג פון אומאָפּהענגיגקייטס יום־טוב.

ס׳איז אויך געמאַכט געוואָרען אנ׳אל מלא רחמים נאָכ׳ן מאַרשאַל יוזעף פילסודסקי.

אין דער גרויסער סינאגאגע אויף קאָשטשושקי איז אָפּגעריכט געוואָרען א תפילה דורך דעם אויבער קאנטאר ליאָוויטש און דער כאָר אונטער דער די־רעקציע פון פראפ. דאַרגוזשאַנסקי. ד״ר ברוידע האָט געהאַלטען א רעדע פאר דער פערזאַמעלטער שול יוגענד און דעם גרויסען עולם.

* * *

צוליב די פייערליכקייטען פון 11 ליסטאָפּאַד איז פאַר די פאָרשטעלונג אין פילהאַרמאָניע גע־שפּילט געוואָרען דער פוילישער הימן.

### ביי די יודישע קאָמבאַטאַנטען אין לאָדז

דעם 10. נאוועמבער איז פאָרגעקומען א אַקאַ־דעמיע אין לאָקאַל פון פערבאַנד. געעפענט די אַקאַ דעמיע האָט דער פרעזעס אַדוואָקאַט א. העללער ביים עפענען די אַקאַדעמיע איז געוואָרען בעעהרט דער אָנדענק פון פערשטארבענעם מארשאל פילסוד־סקי מיט אויפשטיין און א מינוט שטילשווייגען, ווע גען דער בעדייטונג פון טאָג האָט גערעדט דער וויצע־פרעזעס אַדוו. ז. מענקעס.

נעכטען 9 אַ זייגער פריה האָט אַרויסמאַרשירט פון לאָקאַל פון פערבאַנד אַ קאָמפּאניע מונדירטע קאָמבאַטאנטען אין דער אַלטשטעטישער שוהל ווי עס איז געוואָרען אָפּגעריכט א גאָטעסדינסט, נאָך דעם גאָטעסדינסט האָט די קאָמפּאניע אפּמאַרשירט צו דער סינאַגאָגע אויף אלעיאַ קאָשטשושקי ווי עס איז געוואָרען געלייגט א קראנץ דורך די קאמבא־טאנטען ביי דעם דענקמאָל־טאָוועל פון די יודישע זעלנער וואָס זענען געפאַלען אין די יאהרען פון 1914—1920 אין קאמף פאר פוילענס בעפרייאונג. פון דער סינאגאגע האָט די קאמפאניע אָפּמאַרשירט צום האלער־פלאץ און האָבען אַנטיילגענומען אין דער דעפילאדע.

## פּאַבאָר - רשימה פון יאהרגאנג 1915

היינט, דינסטאָג, דעם 12. נאָוו. דארפען זיך שטעלען צו דער פּאָבאָר-רשימה אין מיליטער-ביוראָ אויף פיעטריקאָווער 165 די מענער פון יאָהרגאנג 1915, וועלכע וואוינען אויפן שטח פון 5. קאָמיסאַריאָט מיט די פאַמיליעס, וואָס הויבען זיך אָן מיט די אותיות:

R S Sz

און פון 14-טען קאָמיסאַריאט:

A B C D E F

מ׳דאַרף מיט זיך מיטברענגען א פּערזענלי=כען דאָקומענט און א רעגיסטראַציע-שיין.

## צוגאב=פּאבאָר=קאָמיסיע

(א) דעם 15 ד. ח. וועט אין לאָקאל אויף פּעט־ריקאָווער 165 אמטירען א צוגאב־פּאָבאָר־קאָמיסיע פאר פּ. ק. או. לאָדז־שטאָט 1.

עס דארפען זיך מעלדען די יונגעלייט פונם יאָהרגאנג 1914 און עלטער, וועלכע האָבען זיך לעת־עתה נישט צוגעשטעלט צו א מיליטער־איבערזיכט, האָבען נישט רעגולירט זייער מיליטער־פליכט, וואוי־נען אויפ׳ן שטח פון 2, 3, 5, 8, 9 און 11 פּאָליציי־קאָמיסאריאטען און האָבען בעקומען נאָמענטליכע אויפפּאָדערונגען פון דער לאָדזער שטאָטישער סטאַ־ראָסטווע.

## אפּטייקען.

### היינטיגע נאכט - דיזשורען

(א) היינט ביינאכט דיזשורירען פאָלגענדע אפּ־טייקען: יאנקעלעוויטש, סטארי רינעק 9; גלוכאָוו־סקי, נארוטאָוויטשא 6; האמבורג, גלובנא 50; פּאַוו־לאָווסקי, פיעטריקאָווער 307; פיאָטראָווסקי, פּאָ־מאָרסקא 91; שטעקל, לימאנאָווסקא 37.

## כוליגאַן אנגעפאלן אויף א יוד, און איהם געוואלט אפּשניידען די באָרד

אויף פיעטריקאָווער גאַס נעבען נומער 15 איז צו א יוד צוגעלאָפען עפּעס א כוליגאַן איהם אָנגעכאַפּט ביי דער באָרד און געפּרובט מיט א מעסער זי אָפּשניידען. אויפן געשריי פונם געלי־טענעם זענען אנגעלאָפען דורכגעהער, מען האָט אַלאַרמירט פּאָליציי, וועלכע האָט דעם כוליגאַן אַרעסטירט.

## דער ראַבינאט זוכט:

אהרן מאָלשלעגער (געוואוינט אַל. 1-טער מאַי) אָדער זיינע קרובים – וועגען א בריף פון שאַנכאַי־כינא. דוד אביגדור קאָהן, דער זוהן פון ישעי׳ ישראל – וועגען א דרינגענדען ענין.

צו ווענדען זיך צו הרב טרייסטמאַן.

# פארוואס האבען די לויז-אינדוסטריעלער

## צוריקגעצויגען די קינדיגונג פון קאלעקטיווען אפמאר

(ג) זונטאַג איז ווי בעוואוסט פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די מיטגלידער פון פערבאַנד פון דער לוין־טעקסטיל־אינדוסטריע אויף וועלכער עס איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע פון קינ־דיגען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך. דער רעזולטאַט פון דער פערזאַמלונג וועט קודם זיין אַ בערוהיגונג אין דער טעקסטיל־אינדוסטריע, וואו עס האָט גע־דראָהט אַ שטרייק, אויף דער פערזאַמלונג האָבען איינגע רעדנער אָנגעוויזען אויף דער שווערער לאַגע פון דער לוין־אינדוסטריע, וואָס ווערט נאָך בעשווערט צוליב די פערשידענע רעפּרעסיעס און שמראָפען מצד דער מאַכט.

די פערזאַמלונג האָט ווי בעוואוסט, בעשלאָסען צוריקצוציהען די קינדיגונג פון קאָלעקטיווען אָפּ־מאַך. דער הויפּט־מאָטיוו פאַרוואָס די לוין־אינדו־סטריעלער האָבען מסכים געווען צוריקצוציהען דעם אָפּמאַך, זענען געווען די געשפּרעכען אין וואַרשאָ, וואו דער הויפּט אַרבייטס אינספעקטאָר האָט זיך בכלל גינסטיג בעצויגען צו די פּאָסטולאַטען פון די אינדוסטריעלער און לויט דער מיינונג פון די לוין אינדוסטריעלער, האָט ער צוגעזאָגט מיטצו־ווירקען ביי דער ענדערונג פון פראַקטישען אויס־פיהרען דעם אָפּמאַך אין דעם טייל, וואָס איז נוגע דער פאָדערונג פון „שוואַכע וועבער״ און פון „פאַבריקען וואָס האָנאָרירען דעם קאָלעקטיווען אָפּמאַך״.

# די פאדערונגען פון די לאדזער ארבייטער

## בעת דער קאנפערענץ מיט דער צווישען-מיניסטעריאלער קאמיסיע

בעת דער אנוועזענהייט פון דער צווישען-מיניסטעריאַלער קאָמיסיע אין לאָדז איז אויך פאָר-געקומען א קאָנפערענץ צווישען דער קאָמיסיע און די פאָרשטעהער פון די פּראָפעסיאָנעלע ארבייטער-פעראיינען. מצד די קלאַסען=פעראיינען זענען אויף דער קאָנפערענץ אַגוועזענד געווען די ה״ה שטשערקאָווסקי און וואַלטשאַק, די דאָזיגע דעלע-גאַטען האָבען בעטאָנט, אז דער קריזיס אין לאַנד נעהמט ווייטער אָן קאַטאַסטראָפאַלע פאָרמען, ס׳וועט נען נישט פערהאַן קיין אויסזיכטען. אז די לאַגע זאָל בעסער ווערען, זיי האָבען פערלאַנגט, אז די ארבייטס=צייט זאָל פערקלענערט ווערען ביז 6 שעה און אָנגעוויזען, אז אין די טעקסטיל=פאַברי-קען זענען שוין די בעדינגונגען דערצו רייף גע-וואָרען, ווייטער האָבען זיי פערלאַנגט, צו נאָוועֶ-ליזירען די פאַרשריפטען וועגען די ארבייטס=אינ=ספּעקטאָריאַטען, זייערע קאָמפּעטענצען זאָלען פער-ברייטערט ווערען און די קאָלעקטיווע אָפּמאַכען זאָלען אָפּגעהיטען ווערען, דאָס דיר׳ה=געלד זאָל רעדוצירט ווערען אויף 30 פּראָצענט און די וואוֹ-נונגען, וועלכע ס׳פערנעהמען די ארבייטענדע בע-פעלקערונג, איינפיהרען ארבייטס-געריכטען דאָרט וואו אזעלכע זענען נאָך נישט פערהאַן, ס׳זאָלען פערגרעסערט ווערען די שטראָפען פאר נישט אָפּ-היטען די קאָלעקטיווע אָפּמאַכען און די פאָרשריפ-טען וועגען דער ארבייטער-געזעצגעבונג.

ווייטער האָבען די ארבייטער-דעלעגאַטען שאַרף קריטיקירט די ווירטשאַפט אין דער אובעז-פּיעטשאַלניע און פערלאַנגט, אז מ׳זאָל וועהלען א פערוואַלטונג אין דער איבעזפּיעטשאַלניע דורך די פערזיכערטע.

ס׳האָבען אויך גענומען א וואָרט פאָרשטע-הער פון די אנדערע פּראָפעסיאָנעלע ארבייטער-אָרגאַניזאַציעס און פון דער אוניע פון גייסטיגע בעאַמטע, וועלכע האָבען אונטערשטיצט די דער-מאָהנטע אויספיהרונגען. די קאָמיסיע האָט ער-קלערט, אז זי נעהמט אין אכט די ארויסגעזאָגטע פאָדערונגען און וועט זיי פאָרשטעלען פאר דעם עקאָנאָמישען קאָמיטעט פון מיניסטאָרען-ראַט.


**Doktór**

**Z. Henrykowski**

ספּעציאַל-ארצט פאר וועגערישע הויט-קראַנקהייטען און מענער-שוועכע

9 טראַוגוטאַ 9

טעל. 262-98

נעמט אָן פון 8—11 און פון 6—9 אָוונט. זונטאָג פון 9 פריה ביז 12.30 בייטאָג.

פאר פרויען א ספּעציעלער ווארט-זאַל. פאר אומבעמיטעלטע לעטשניצע-פרייזן

טעאטער „ראזמאיטאשטשי״ ציגעל-גאס 27, טעל. 112-25 ריר.: ד. צעלמייסטער. אנפ.: י. קרעמאו

די גרעסטע סענסאציע אין לאדז טעגליך אויספערקויפט!

דאס גרעסטע, דאס שענסטע, דאס בעקוועמסטע טעאטער

היינט, 9.15 אוונט

די בעגאַבטע און בעליבטע קינסטלערין

דינה האלפערן

צוזאמען מיט איהר פּארטנער סעם בראנעצקי

און גאנצען אנסאמבל — אין לעצטען רעוויע־ראציע־שלאגער אין 3 אַקטען פון א. נאגער

אחתונה איז תפיסה

הערליכע אויסשטאַטונג, ליכט-עפעקטען. ספּעציעלער עלעקטרישער עקזעקוציע-שטוהל.

בילעטען צו בעקומען פון 11 פריה אין קאַסע פון טעאטער „Rozmaitości״

KINO TEATR MIRAŻ 11 LISTOPADA 16

היינט פּרעמיערע!

די טאכטער פון פון גענעראל פאנקראטאוו

אין די הויפּט-ראָלען:

Kazimierz Stępowski,
Marja Ney, Marja Bogda,
Franciszek Brodziewicz.

אָנהויב 4 נאָכמ. שבת און זונטאָג 12 בייט.

# וואָס איז פאָרגעקומען צווישען דעפּ. מינצבערג און פּרעז. מאַזור

## אויף דעם צוזאַמענפאָהר פון די קהלות

### פון אַ געשפּרעך מיטן דעפּ. מינצבערג

דער נישט איינגעטפּעטער צוזאַמענפאָהר פון די קהלות אין פּוילען, בעזונדער דער אויפטו פון וואַרשאַווער קהלה־פּרעזעס מאַזור וועגען אַ יורידישען ביוראָ פאַר די קהלות, האָט אין דער יודישער געזעלשאַפטליכקייט אַרויסגערופען אַ געוויסען בייגעשמאַק, וואָס אַזאַ ברייטע איניציאַטיוו איז אויסגעטוישט געוואָרען אויף אַ קליינעם גאָרנישט־זאָגענדען ענין. אַ רושם האָט געמאַכט די שטעלונג אין דער פּראַגע פון דעפּ. מינצבערג, צוליב וואָס ס'איז געקומען צו אַ שאַרפען קאָנפליקט צווישען ביידע פּרעזעסען פון די גרעסטע קהלות אין פּוילען.

כדי זיך געגוי צו אינפאָרמירען וועגען דעם ראַזינגען ענין האָבען מיר געהאַט אַ געשפּרעך מיט דעפּ. מינצבערג גלייך נאָך זיין צוריק קומען פון וואַרשאַווער צוזאַמענפאָהר.

— אויב איהר ווילט, האָט דעפּ. מינצבערג געזאָגט, אַז ס'זאָל אייך קלאָר ווערען דער ענין וועל איך אייך בלויז איבערגעבען מיט אַלע פּרטים דאָס, וואָס איז פאָרגעקומען אויף דעם צוזאַמענפאָהר. איך וויל זיך אָבער בעוואָרענען אַז שוין די פאָרם פון דער איינלאַדונג צום צוזאַמענפאָהר האָט מיך נישט צופרידענגעשטעלט. באַלד לויט דער איינלאַדונג האָב איך געזעהן, אַז ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ יורידישע ביוראָ, וועלכע זאָל זיך געפינען אין וואַרשא און זאָל אויפגעהאַלטען ווערען דורך אַלע קהלות, אויב מ'האָט אויף דעם געבויט געוואָלט עפּעס שאַפען, דאַרף דאָס זיין אַ רעפּרעזענטאַנץ, וועלכע זאָל קענען רעדען אין נאָמען פון דער יודישער בעפעלקערונג, אַ יורידישע ביוראָ איז נאָר אַ סוראַגאַט, די איצטיגע אָנגעווייטאָגטע פּראָבלעמען פון די יודישע קהלות האָבען מיט יוריספּרודענץ גאָרנישט צו טון.

פּרעזעס מאַזור האָט בעת דער ערעפנונג אַרגומענטירט ווי וויכטיג ס'איז אַזאַ יורידישע ביוראָ, אדוו. גרינשטיין האָט נאָך דעם בעגריף אויסגעברייטערט און דאָס אַלץ האָט שוין געצויגען אויף זיך אַ געוויסען אומצוטרוי.

ווען איך האָב גענומען אַ וואָרט — זאָגט דעפּ. מינצבערג, — האָב איך אָנגעוויזען, אַז די אָנגעווייטאָגטע קהלות־פּראָבלעמען קענען אַזוי אויבערפלעכליך נישט בעהאַנדעלט ווערען, ווייל די פּראַגע שטעהט איצט אויף דעם אופן, צי די קהלות וועלען בכלל האָבען אַ קיום אָדער נישט, ביי דער איצטיגער לאַגע איז איצט נישט פּאַראויסצוזעהן, אַז די קהלות זאָלען קענען עקזיסטירען, דעריבער איז נויטיג צו שאַפען אַ רעפּרעזענטאַנץ, פון די יודישע קהלות צוזאַמען מיט אַלע יודישע פּאַרלאַמענטאַריער וועלכע זאָלען אָפּהיטען פון דער געפאַהר און נישט קיין יורידיש ביוראָ.

מען מוז געדענקען, צי וויל מען, אַז די יודישע קהלות זאָלען אין זייער אָנגעהאַלטענער אַרבייט בלייבען זעלבסטשטענדיג אָדער זאָלען זיי ווערען אַנ'עקספּאָזיטור פון די סטאַראָסטע - צירקולאַרען. איך פערשטעה, אַז מ'דאַרף אָפּהיטען די פאַרשריפטען פון דער אויפזיכטס־מאַכט ווען ס'האַנדעלט זיך וועגען ווירטשאַפטס־מאָמענט, אויב אָבער ס'איז שוין געקומען אַזוי ווייט, אַז ביים צונויפשטעלען די שחיטה־בודזשעטען דאַרף מען האָבען די הסכמה פון דער סטאַראָסטווע וויפיל שוחטים מען דאַרף, וויפיל בודקים, וויפיל מען זאָל זיי צאָהלען א. אז. וו. קען איך קומען דערצו, אַז מ'זאָל אונז אָנווייזען ווי אַזוי דער חלף דאַרף אויסזעהן...

אויב די יודישע קהלות האָבען ביז איצט געהאַט אַלס אַפּיטראָפּוס דאָס מיניסטעריום פאַר אמונות האָבען שוין איצט פערשידענע קהלה־רעסאָרטען בעזונדערע מיניסטעריומס. דעם עטאַט האָט דאָס פינאַנץ־מיניסטעריום, די שחיטה דאָס אַגראַר־מיניסטעריום, אַנדערע ענינים — דאָס אינערן־מיניסטעריום, דאָס אַלץ האָט נישט צו טון מיט קיין יורידיש ביוראָ. אויב עס האַנדעלט זיך וועגען אַזאַ קליינער זאַך, האָט דאָס די וואַרשאַווער קהלה געקענט טון אויף אייגענער האַנט, אויב מ'האָט וועגען דעם צונויפגערופען אַ צוזאַמענפאָהר, וויל איך וויסען וואָס הינטער דעם שטעקט.

די וואַרשאַווער קהלה, זאָגט ווייטער דעפּ. מינצבערג, קען נישט פיהלען דאָס, וואָס עס פיהלען די איבריגע קהלות, איך זאָג דאָס, הגם איך האָב בשום אופן נישט אין זינען צו קריטיקירען די וואַרשאַווער קהלה. די פּראָווינץ־קהלות האָבען בעקומען אַ פעראָרדנונג צוצושטעלען דעם בודזשעט ביז'ן 1 דעצעמבער, אַלזאָ נאָר אין עטליכע טעג, דער ענין שחיטה ווערט אַזוי בעהאַנדעלט, אַז מיט אַמאָל רעדוצירט מען די טאַקסע אויף גאַנצע 50 פּראָצענט. אַ ווייטערער צירקולאַר איז וועגען דעם, אַז מען זאָל צושטעלען אַ רשימה פון בעאַמטע, וואָס זיי טוען און וויפיל געהאַלט זיי בעקומען. וועגען דעם ווייס די וואַרשאַווער קהלה גליקליכערווייזע נישט.

די אַלע פּראַגען וועט נישט לעזען קיין יורידישע ביוראָ, נאָר אַ פאָרשטעהערשאַפט פון די קהלות צוזאַמען מיט אַלע יודישע פּאַרלאַמענטאַריער, ס'שטייט אין קאָן דער קיום פון די יודישע קהלות, אויב די אַלע צירקולאַרען זאָלען מוזען אויסגעפיהרט ווערען, ווייל איך דערויף נישט געפּען און דעריבער איז אויך געקומען די ערקלערונג פון דער לאָדזער קהלה־פערוואַלטונג, אַז זי וועט זיך מוזען אָנטעבען אין דעמיסיע.

ענטפערענדיג מיר האָט פּרעזעס מאַזור געזאָגט, אַז איך בין בעגאַנגען אַנ'אומטאַקטישקייט, קריטיקירענדיג די וואַרשאַווער קהלה און אָנגערופען מיין אַרויסטריט אַלס סקאַנדאַליעזען און מיר פאָרגעוואָרפען פאַרוואָס כ'האָב די פּראַגען נישט בעריהרט אין מיין סיום־רעדע.

דערויף האָב איך געמוזט אָפּענטפערן, אַז אויב מיין אַרויסטריט איז געווען אומטאַקטיש דאַרף איך זוכען אין לעקסיקאָן אַ וואָרט, וועלכעס זאָל זיין שאַרפער פון דעם. ס'זענען פאַראַן זאַכען אין דער וועלט וועלכע זענען אַ לאַנגע צייט אומפערשטענדליך ביז מיט אַמאָל ווערען זיי פערשטענדליך. אַלס פאָרזיצער פון דער בעראַטונג האָט ער נעדאַרפט זיין טאַקטישער און נאָך וועניגער איז ער בערופען צו אורטיילען מיין פּראַלאַמענטאַרישע אַרבייט. איך וויל בעטאָנען, אַז צווישען מיר און פּרעזעס מאַזור זענען נישט פאַראַן קיין שום שטרייט־פראַגען און קיין שום פערזענליכע חשבונות. טאַקע דעריבער איז פאַר מיר דאָס אַלץ מעהר רעטזעלהאַפט, איך קען דאָס נישט פערשטעהן און אויב איך פערשטעה דאָס נישט, האָב איך זיך געזעהן געצוואונגען צו פערלאָזען די בעראַטונג.


זופּענווירפעל „גראַף" בעסטע קוואַליטעט

כשר

„GRAF" Buljon w kostkach

בהכשר הרב ר' ישעי' פירסט שליט"א, רב „עדת ישראל". וויען.


# „קול דמי אחיך צועקים מהאדמה"

## אויפרוף פון „חסד של אמת ומנחמי אבלים"

פון פעראיין „חסד של אמת ומנחמי אבלים" האָבען מיר בעקומען דעם אויפרוף מיט דער בקשה צו פערעפענטליכען:

די קאַטאַסטראָפאַלע מאַטעריעלע לאַגע האָט געצוואונגען די טעטיגקייט פון דעם לאַנגיעהריגען עקזיסטירענדען פעראיין „חסד של אמת ומנחמי אבלים" און אונערמעגליכט איהם אויסצופיהרען זיינע וויכטיגע אויפגאַבען לטובת דער יודישער בעפעלקערונג אין די שווערסטע מאָמענטען פון זייער איבערלעבונג בכלל ובפרט צו שטיצען אָרימע אלמנות ויתומים בשעת שבעה, וועלכע זענען פערבליבען פערצווייפעלט אָהן ביסען ברויט. דאָס צווינגט אונז צו ווענדען זיך צו די לאָדזער יודען:

פיל משפחות אבלים געהען אויס פון הונגער, נישטאָ קיין שטיקעל קויל צו דערוואַרעמען זיך און דערביי זענען מיר ליידער אומעכטיג, הילפלאָז.

לאָדזער יודען! ווען איהר ווילט פון זיך אָראָפּנעהמען דעם גרויסען אחריות, וואָס אויף אייך ליגט, טאָ פערשרייבט אייך אַלס מיטגלידער פון „חסד של אמת ומנחמי אבלים", וועלכער וועט ווייטער ערלעדיגען דעם הייליגען חוב און דאָס קענסטו פולעדיגען מיט צאָהלען איינינע גראָשען אַ וואָך, צו וועלכע רייך און אָרים קענען זיך דערלויבען, און אַזוי אָרום ערמעגליכען דעם פעראיין „חסד של אמת ומנחמי אבלים" ווייטער צו עקזיסטירען.

די פערוואַלטונג פון
„חסד של אמת ומנחמי אבלים"
אין לאָדז.

# קליינער פעליעטאָן

## נישטאָ, וואָס צו טראַכטען!

שמיל־שמעלקי דער אונבערחמנות'דיגער אָפּטימיסט איז אויך דאָס מאָל צופרידען.

צופרידען בין גאָר, וואָס צופרידענער קאָן גאָר נישט זיין!

ערשטענס — זאָגט ער — אונאָפּהענגיגקייט!

איין קלייניגקייט — ווען איך קאָן אַזוי זיין אונאָפּהענגיג פון מיין יודענע אַ 17 יאָהר, וואָלט איך דאָך איצט געווען אַן 18־יאָהריגער בחור און געשטאַנען אין שידוכים.

כ'וואָלט דאַן געהאַט אין דער ערד אי דעם הויזוירט, אי דאָס דירה־געלד, אי דעם אָהן־עין־הרע צוגעזאָקסענעם הכנסה־שטייער פאַר די אַנגעשטעלטע!

ווייל — ערשטענס, און ראשית חכמה — זאָגט ער — וואָס'ער עגמת נפש וואָלט איך דען געהאַט פונ'ם פערקלענערטען דירה־געלד: בין איך דען אַ באַלעבאָס פון אַ הויז...

והשנית, און צווייטענס — וויפיל מאַכט עס. אייגענטליך, אויס 15 פּראָצענט ביליגער פון דירה־געלד, וואָס איך האָב שוין נישט צו בעצאָהלען, דאָס פינפטע קוואַרטעל, און כ'וועל עס ברוך־השם מיט דעם אייבערשטענ'ס הילף אויך נישט בעצאָהלען!, וואָרום פונוואַנען זאָל איך נעהמען — דער אוזשאָנד יועט מיר באָרגען?!..

והשלישית, און צום דריטען מאָל — ס'אַראַ סומע מאַכט עס אויס, אַ שטייגער, פון 10 ביז 25 פּראָצענט דאָכאָדאווי, אַז מיין גאַנצע הכנסה דאָס הייסט אַ זעראָ פון פאָרענט מיט דריי נולען איז 50 פּראָצענט קדחת און 50 פּראָצענט רביעית, פון הינטען?!.

ס'איז קייגען דעם, וואָס איהר זאָגט דאָכאָדאָווע פון אַנגעשטעלטע!

ווייס־איך־וואָס, איך האָב פאַר די אַלע זאַכען נישט קיין מורא: בעהמט און שטעלט אַריין אין מיין אָנגעשטעלטקייט צוויי יודען, און איך בין שוין — אַנ'אַ־יי־נגעשטעלטער!

שמילשמעלקי

# איז די נייע לעגיטימאַציעס פון דער אובעזפּיעטשאַלניע

## פעהלען איינינע פּאָזיציעס פון די געוועזענע ז.ו.פּ.ו.־ביכלעך

(א) די אובעזפּיעטשאַלניע אין לאָדז, וועקסעלט איצט אויס די לעגיטימאַציעס און פאָדערט דערביי ביי די פערזיכערטע צוריק די פריהעריגע ביכלעך פון ז.ו.פּ.ו. די נייע לעגיטימאַציעס ענטהאַלטען נישט די פּאָזיציעס, וואָס בעווייזען די צאָהל פון די איינגעצאָהלטע בייטראַגען אויף עמעריטאַלער פערזיכערונג, אָדער אויפ'ן פאַל פון אַרבייטסלאָזיגקייט.

צוליב דעם האָט איינע פון די גרעסערע פירמעס אין לאָדז זיך אָפּגעזאָגט אויסצוטוישען די לעגיטימאַציעס. די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען בעמיהען זיך, אַז אין די נייע לעגיטימאַציעס זאָלען אריינגעפיהרט ווערען די פּאָזיציעס פון די אַלטע ז.ו.פּ.ו.־ביכלעך.

# שטורמדיגע צייטען

## ראָמאַן

25

אַ ווייל האָבען זיינע מענשען איינגעהאַלטען דעם אָטעם. וואָס וועט דאָ זיין? וועט דער פּאַטרול בעמערקען, אַז אימיצער שטעקט אַרויס דעם קאָפּ פון דער הייל?

באַלד האָט סעלים־כאַן צוריק אַריינגעכאַפּט דעם קאָפּ.

— זיי האָבען אונז בעמערקט — האָט ער געזאָגט — און דערביי רוהיג געשמייכעלט.

— וואָס־זשע איז דאָ צו טון? אָנהויבען אַ שיסעריי? — האָבען די מענשען געפרעגט.

— זיי געהען אַהער, האָט געדולד — האָט סעלים־כאַן נאָך אַלץ געערדט מיט דעמזעלבען שמייכעל.

— נו?

— אויב זיי וועלען צוקומען צו דער הייל אין דריי שעה אַרום, וועלען מיר זיך שוין לאַנג ראָ נישט געפינען.

— אין דריי שעה אַרום הערט? פאַרוואָס?

— ווייל זיי קענען נישט דעם וועג, געהען זיי אַרום און אַרום. זיי וועלען זיך דאָך נישט אַראָפּלאָזען איבער דער וואַנד, וואָס האַלט הונדערט מעטער די הויך.

— זיי קאָנען דאָך אַראָפּשיסען גלייך אין הייל אַריין.

— זאָלען זיי שיסען, אין דער הייל זענען ראָ געגנוג בעהעלטענישען, — האָט סעלים־כאַן רוהיג געענטפערט.

— אָבער זיי קאָנען אונז אַרומרינגלען, מיר וועלען נישט קאָנען אַרויסגעהן פון דער הייל — האָט קאַדי בעמערקט. — מיר מוזען יעדענפאַלס זיין גרייט.

— יאָ, גרייט דאַרף מען זיין, גרייט דאַרף מען שטענדיג זיין! — האָט סעלים־כאַן געענטפערט מיט זיין שאַרפער שניידענדיגער שטים.

פלוצלינג האָט אין די בערג אָפּגעקלונגען אַ הילכיגער שאָס, דערנאָך נאָך איינער, אַ צווייטער אַ דריטער. אין דער הייל אַריין האָבען אָנגעהויבען פליהען צאַרישע קוילען.

— אומזיסטע אַרבייט! — האָט זיך סעלים־כאַן צולאַכט — אַ שאָד קוילען, צאַרישע טרוסען.

די הייל איז געווען אַ גרויסע און האָט געהאַט עטליכע זייטיגע טיפע ערטער. סעלים־כאַן און זיינע מענשען האָבען זיך גאַנץ בעקוועם אויסגעזעצט אין די זייטיגע טיפע ווינקלען, זייענדיג אַזוי אַרום פולשטענדיג בעשיצט פון די קוילען.

— זיי מיינען אונז אַרויסצונאַרען! — האָט בעמערקט שאַמיל.

— עס קאָן זיין, — האָט סעלים־כאַן בעמערקט, — אַז זיי זענען נאָך נישט זיכער, צי אין דער הייל געפינט זיך אימיצער. מיט דער שיסעריי ווילען זיי זיך איבערצייגען, צי מיר געפינען זיך דאָ. דעריבער דאַרפען מיר זיי לאָזען שיסען, וויפיל זייער האַרץ גלוסט.

אין פערלויף פון פופצעהן מינוט האָט די שיסעריי נישט אויפגעהערט אויף קיין איין מינוט. אין דער הייל זענען מיט אַ ווילדער פייפעריי אַריינגעפלויגען קוילען, אָפּשלאָגענדיג זיך אָן די פעלזיגע ווענד. סעלים־כאַן מיט זיינע מענשען זענען זיך רוהיג געלעגען אין די זייטיגע טיפע ווינקלען און זיך געוויצעלט אויפ'ן חשבון פון די שיסערס.

— קוילען איז זיי נישט קיין שאָד, (דאָס זשאַלעווען זיי נישט, אָט די הינטישע זיהן. מען שיסט, וויפיל ס'געהט נאָר אַריין, — האָט סעלים־כאַן בעמערקט, — אָבער עסען פאַר דעם אָרימען פאָלק קאַרגען זיי, אַזעלכע אויסוואָרפען דאָס זענען! אָך, ווי איך וואָלט זיי צעריסען אין מיינע הענד! ענדליך האָט די שיסעריי אויפגעהערט. זעהט אויס, אַז דער פּאַטרול האָט זיך איבערצייגט, דאָס אין דער הייל איז קיינער נישטאָ, אָדער ער האָט איבערגעריסען די שיסעריי, אום צו זעהן, צי אימיצער וועט ווידער אַרויסשטעקען דעם קאָפּ.

— כאַן, מ'דאַרף זיך איבערצייגען, צי דער פּאַטרול איז שוין אַוועק. — האָט געזאָגט דער דריטער שאַמיל.

— עס נישט וואַגען צו טון! — האָט סעלים־כאַן געענטפערט, — אַרויסשטעקען איצט דעם קאָפּ — הייסט בעקומען עטליכע קוילען! מיר טאָרען זיך איצט נישט ריהרען פון אָרט. מיר מוזען שאַפען ביים פּאַטרול דעם איינדרוק, אַז אין דער הייל איז קיינער נישטאָ, פערשטעהסט?

— ריכטיג, ריכטיג, — האָבען אַלע צוגעשאָקעלט מיט'ן קאָפּ.

עס זענען אַדורך צעהן מינוט, דערנאָך צוואַנציג מינוט. מ'האָט מעהר נישט געשאָסען. איצט איז נויטיג געווען זיך איבערצוצייגען, צי דער פּאַטרול איז שוין אַוועק — אויב יאָ האָט מען געדאַרפט גלייך פערלאָזען די הייל און בעהאַלטען ערגעץ אַנדערשוואו.

— נו, כאַן? — איז דער יונגער שאַמיל געווען אומגעדולדיג.

— וואַרט נאָך צעהן מינוט.

— נו, מ'קאָן שוין? — האָט שאַמיל ווידער געפרעגט.

— נעם אַ שטיין און פערשטעל דיר דעם שטערן, — האָט סעלים־כאַן איהם געגעבען אַנ'עצה.

שאַמיל האָט גענומען אַ שטיין, געהאַלטען איהם נעבען שטערן און פאַמעליך צוגעקראָכען צו דער עפענונג פון דער הייל. ער האָט פאָרזיכטיג אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ און זיך אַרומגעקוקט.

אין דער הויך, אויף דער וואַנד, איז שוין קיינער נישט געווען. אַרום און אַרום אין די בערג האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. מ'האָט מעהר נישט געהערט קיין שום טריט, קיין שום קלאַנג.

— זיי האָבען אָפּגעצויגען, — האָט שאַמיל געענטפערט אין אַ וויציגען טאָן.

— טאַקע אַוועק? — האָט סעלים־כאַן געפרעגט.

— אַוועק. מ'זעהט זיי נישט מעהר.

— אָבער שאַ, זיי קאָנען זיך האָבען ערגעץ אויסבעהאַלטען, האָט סעלים־כאַן בעמערקט.

— דאַרף מען זיך איבערצייגען. — האָט קאַדי ערקלערט.

— דאָס וועט נישט אָנקומען אַזוי לייכט. דער עיקר, חברה, מוזען מיר איצט וואָס שנעלער אַרויס פון דער הייל און זיך איבערטראָגען ערגעץ אַנדערשוואו. עס קאָן זיין, אַז דער פּאַטרול האָט אַליין מורא געהאַט מיט אונז אָנצוהויבען אַ קאַמף און איז אַוועק רופען הילף. מיר קאָנען דאָ באַלד האָבען עטליכע באַטאַליאָנען מיליטער.

— אָבער כאַן, וואָס וועט זיין, אַז דער פּאַטרול וואָס ליגט אפשר ערגעץ בעהאַלטען, וועט אָנהויבען אויף אונז אַ שיסעריי? האָט קאַדי בעמערקט.

— דו ווייסט נישט, קאַדי, וואָס מען טוט אין אַזאַ פאַל? — האָט סעלים־כאַן זיך צושמייכעלט, אַרויסשטעקענדיג דערביי זיינע מילך־ווייסע ציינער, — מען ענטפערט צוריק מיט אַ שיסעריי!

סעלים־כאַן און זיינע זעקס בעגלייטער האָבען פאָרזיכטיג און פאַמעליך גענומען אַרויסקריכען פון דער הייל. אין די הענד האָבען זיי געהאַלטען אָנגעלאָדענע גרויס קאַליבער רעוואָלווערן, וואָס קאָנען שיסען אויף אַ ווייטער שטרעקע. זיי האָבען זיך אום געקוקט אין אַלע זייטען און זיך איינגעהאָרכט. ספּעציעל האָט אָנגעשטעלט די אויערען סעלים־כאַן וועלכער האָט געהאַט זעהר אַ שאַרפען געהער. זיי זענען געקראָכען אויף אַלע פיר, ווייל געהן גלייך אויף דעם דאָזיגען קאַרק־ברעכערישען אָרט אין די בערג איז געווען אונמעגליך.

אַרום איז געווען שטיל. איבער זיי האָט הויך געפלאַטערט אַנ'אָדלער. סעלים־כאַן האָט כסדר געהאַלטען אָנגעשפּיצט די אויערען. זיין געזיכט איז געווען שטאַרק אָנגעשטרענגט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט אויפצוכאַפּען דעם מינדסטען שאָרך.

פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, זיך איינגעהאָרכט און אַ שפּעטשע געטון:

— האַלט גרייט די רעוואָלווערן! הערט, הערט, זיי זענען דאָ נאָהענט....

(ווייטער מאָרגען)

**זאל פילהארמאניע** טעלעפ. 213-84

היינט, דינסטאג, דעם 12-טען ד. ח. 8.15 אוונט
דער לאנג-ערווארטעטער קאנצערט פון

**GINETTE NEVEU**

16-יעהריגע פידעל-שפילערין פון וועלט-רוהם, לאורעאטקע פון אינ-
טערנאציאנאלען קאנקורס א.נ. פון ה. וויעניאווסקי איןווארשא

היינט, 11 א זייגער אוונט, ווי אויך מיטוואך און דאנערשטאג, 9 אוונט **ווילען אין לאדז!**
גאסטשפיל פון וועלט-בערימטען ווינער אנסאמבל מיט'ן אנטייל פון 25 בעריהמטסטע וועלט-ארטיסטען
מיט די קעניגען פון די קאמיקערס **Farkas** און **Grunbaum** אז דער שפיץ איז שלאגער-פראגראם
א. ג.: **„א טעאטער צו פערקויפן"**
טעלא-פארטיסטו: **HANS ALBERS, F. BRESSART, R. TAUBER**
די קליינע צאהל איבערגעבליבענע בילעטען צו פערקויפען אין דער קאסע פון פילהארמאניע.


# ארימער לאדזער יוד. הויזירער געווארנעז 12 טויזענד דאלאר

## די בשורה האט מעז איהם אנגעזאגט אין א מאמענט פון גרעסטער פערצווייפלונג

איך זענען דאך, מסתמא בעקאנט די שונד-פיעסען מיט זייער אינהאלט. אין איינע פון אזעלכע פיעסען געפינט זיך אזא סצענע:

א זוהנדעל פון רייכע עלטערן פערליבט זיך אין דעם דינסט-מיידעל. די עלטערן פון דעם בחור דערלאזען נישט צו דער „חרפה", פערטרייבט מען דאס מיידעל פון הויז, און פונקט, ווען זי שטעהט שוין מיט'ן פעקעל ביי דער טיר, אין א מאמענט פון גרעסטער פערצווייפלונג, קומט אן דער קאלעקטאר מיט א בשורה, אז זי האט גע-ווינען ס'גרויסע געווינס.

צוקוקענדיג זיך צו דער דאזיגער סצענע, טראכט איהר זיך: בא... פאנטאזיע פון מחבר.

די מעשה, וואס האט נעכטען פאסירט ביי אונז אין לאדז, הגם זי איז זעהר ענהליך צו דער דאזיגער סצענע, איז אבער ווייט נישט קיין פאנ-טאזיע פון א מחבר, נאר איז הונדערט פראצענט אמת.

אויף נארוטאוויטשא גאס, נעבען דער קילינ-סקיעגא, וואוינט א יוד, א קבצן אויף זיבען פאלעס. זיין מסחר בעשטעהט פון עטליכע פעקלעך האהר-נאדלען און שנוראוואדלעס, וואס ער טראגט ארום אין די שטובען. פון דעם „מסחר" איז צו זעהן, אז קיין גרויסער מאגנאט איז ער נישט. א גאנצע וואך דערווארעמט מען זיך נישט, די קוך איז קאלט-אייז, און דערצו איז די פרוי א קראנקע אויף שווינדזוכט — ס'איז איהם נעבעך נישט מקנא צו זיין.

נעכטען, ווי תמיד, איז ער אויפגעשטאנען בעגינען, קיין גראשען געלד איז נישטא. קיין פיצעל ברויט אויך נישט. אין שטוב איז קאלט. קיין ברעקעל קויהל איז נישטא. כאפט א בליק אויף זיין קראנקער פרוי, וואס ליגט אין בעט מעהר טויט ווי לעבעדיג, בלייבט ער שטעהן און טראכט: „מעין יבוא עזרי"?

נעמט דער יוד דעם טלית-זאק, און לאזט זיך געהן אין שטיבעל דאווענען, שטעהענדיג ביי דער טיר, קלאפט מען אן אין דער טיר. אויף דער פראגע: ווער איז? בעקומט ער אן ענטפער:

— „פראשען אטוואזשיטש"!

עס קומען אריין צוויי הויכע קריסטען מיט טעקעס אין די הענד, קוקען זיך ארום אין שטוב, און איינער פרעגט:

— וואוינט דא ה' פ.?

— יא, האט דער יוד געענטפערט, וואס פער-לאנגט איהר?

— איהר האט געווינען 12 טויזענד דאלאר אויף דער דאלארובקע — האט איינער פון די קריסטען איהם ערקלעהרט, אז זיי זענען אגענטען פון א קראקאווער געזעלשאפט, ביי וועלכער דער יוד האט גענומען א דאלארובקע „נא ווי פלאט".

אין פלוג האט דער יוד געמיינט, אז דאס איז עפיס א שפיצעל, נאר אז מ'האט גענומען צעהלען די „קליגגערס", איז איהם ליכטיג גע-ווארען אין די אויגען, א ווערטעלע, היינטיגע צייטען, פאר א שנוראוואדלע-סוחר 12 טויזענד געלד דאלאר, ד. ה. א קימא לן פון 108 טויזענד זלאטעס!

מיינט איהר, אז אונזער האהר-נאדלען-סוחר, האט פערלוירען דעם שכל? אך! ער איז גע-בליבען „פשיטאמנע", אוועקגעזעצט זיך ביים טיש, וואס איז געשטאנען אויף שלשה רגלים, גענומען א בלייפעדער און גענומען חשבונ'ען. גוט אדורכ-געקוקט דאס געלד, צי ס'איז נישט פאלש, און ארויסגעגעבען א קבלה אויף דער דערהאלטענער אפוטיקא.

אבי מ'זאגט, אז היינט געשעהען נישט קיין ניסים!


**אייער באגאזש** ווערט אפגענומען פון דערהיים און צוגעשטעלט קיין **ארץ-ישראל**
דורך **PRZEDBORSKI, KOLNER i S-ka, Łódź, Sienkiewicza 6**
בילינג און שנעל. קלינגט טעל. נומערן 129-25 און 247-75


# 15-יאהריגער יובילעאום פון קרן-היסוד

## פלענאר-זיצונג פון קרן-היסוד אין לאדז

זונטאג פארמיטאג איז אין לאקאל פון קרן-היסוד אונטערן פארזיץ פון ד"ר ראזענבלאט פארגע-קומען א גרויסע בעראטונג געווידמעט די היי-יאה-ריגע יובילעאום-פייערונגען פון קרן-היסוד און דער פראקלאמירונג פונ'ם נייעם קרן-היסוד-קאמ-פיין אין לאדז. עס זענען אנוועזענד די אנגעזעהענ-סטע קרן-היסוד-עסקנים אין דער שטאט.

דער פארזיצענדער ד"ר ראזענבלאט עפענט די זיצונג און בעגריסט דעם דעלעגאט פון קרן-היסוד-דירעקטאריום אין ירושלים, ה' א. קאלודני, צום אנהויב פון דער אקציע. ד"ר ראזענבלאט שטעלט פעסט מיט צופרידענהייט, אז שוין די ערשטע בעזוכען האבען געגעבען גוטע רעזולטאטען אז עס איז צו זעהען א טיף פערשטענדניש צו דער זאך מצד די תורמים און אז דער ערפאלג פון דער אקציע איז אבהענגיג פון דער סטאבילער בעטייליגונג פון די ציוניסטישע און נאציא-נאלע עסקנים.

ה' קאלאדני רעפערירט וועגען די מעטאדען פון דער ארבייט און אפעלירט צו די אנוועזענדע מיטצוהעלפען איהם אין זיין פאראנטווארטליכער טעטיגקייט.

נאך א מיינונגס-אויסטויש, אין וועלכען עס בעטייליגען זיך די ה"ה: ליטווין, ש. פויסט, וו. האלבערשטאט, וו. סקורה, י. פראוודא, ל. לעווין, יחיאל שאליט, משה חלטן, ד"ר שווייג, א. שא-פירא, ג. וועגמייסטער א. א. ווערען אנגענומען פאל-גענדע בעשלוסען: 1) אנצונעהמען מיטלען כדי צו פערדאפלען היי-יאהר די צאהל דעקלאראציעס, 2) צוציהען צו דער זאמעל-ארבייט ברייטערע קריי-זען פון עסקנים און אויסברייטערען די זאמלונגען אויף די פערשידענע שיכטען פון דער יודיש-נא-ציאנאלער בעפעלקערונג, 3) צוצוטרעטען באלד צו די פארברייטונגען צו דער פייערליכער ארץ-ישראל-אקאדעמיע צום 15-טען יובל פון קרן-היסוד, וואס וועט פארקומען מיטוואך ד. 20-טען נאוועמבער מיט דער בעטייליגונג פון דירעקטאר פון קרן-היסוד אין ירושלים, דיכטער לייב יפה.

# איבערגאנגס-צייט אויפ׳ן מארק פון מאנופאקטור-סחורות

(ג) אויפ'ן מארק פון מאנופאקטור-סחורות הערשט איצט אן איבערגאנגס-צייט צווישען דעם שוין פערענדיגטען ווינטער-סעזאן און קומענדיגען זומער-סעזאן. וואס שייך דעם ווינטער-סעזאן, איז הגם דער גאנצער געברויך איז געדעקט געווארען אין זאפאסען ווינטערדיגע מאנופאקטור-סחורות און די פאבריקען זענען בכלל ווענינ, איז אבער דער סעזאן דאך געווען גישט קיין גלענצענדער. עס דארף בעטאנט ווערען, אז אין לויפענדען יאהר האבען די אינדוסטריעלער געארבייט זעהר פאר-זיכטיג, פראדוצירענדיג נאר אזויפיל סחורות ווי-פיל זיי האבען געקענט פערקויפען.

וואס שייך די קרעדיט-בעדינגונגען זענען זיי אין לעצטען ווינטער-סעזאן פערשארפט געווא-רען און דאס צוליב דעם, וואס לעצטענס איז גע-שטיגען די צאהל פראטעסטען. די פראדוצענטען זענען דעריבער געווען פארזיכטיג ביים ערטיילען קרעדיט.

# פארפאלען

## אראפגעפאלען פון באלקאן

(א) אויף סאנאצקא 39 איז פונם באלקאן פון 1-טען שטאק אראפגעפאלען דער 27-יעהריגער בראניסלאוו פא-בולסקי. פאבולסקי זאל זיך האבען אין א שכור'ן צו-שטאנד צופיל אריבערגעבויגען איבער די פארענטשעס. דאס פאלען איז געווען אזוי פאטאל, אז עס האט ביי איהם געפלאצט דער שארבען און ער האט בעקומען א געהירען-ערשיטערונג.

## איבערגעפאהרען דורך א פוהר

אויף זשמאלוסקא גאס איז איבערגעפאהרען געווא-רען דורך א פוהר דער 11-יעהריגער סטעפאן מאיער-טשאק, קאנאפניצקא 22.

אויף דער זעלבער גאס איז איבערגעפאהרען געווא-רען דער 11-יעהריגער קאזשימיעזש יאטשאק, באטש-נא 28).

## זעלבסטמארד אויס נויט

(א) אויף פעטריקאווער 197 האט געפרובט זיך נע-מען דאס לעבען דער 32-יעהריגער פראנציזשעק קאז-לאווסקי.

קאזלאווסקי האט שוין פון א לענגערער צייט נישט געהאט קיין ארבייט און געלעבט אין שרעקליכער נויט מיט דער פרוי און קינדער.

— אויף בזשעזשינער 78 האט געפרובט בעגעהן זעלבסטמארד די 28-יעהריגע וואנדא גראטשעק.

— אין טויער פון הויז אויף נאפיורקאווסקיעגא 57 האט געפרובט בעגעהן זעלבסטמארד די 18-יעהריגע סאלאמעא מאיער (אזערקאווסקא 6)

## א געהיימנישפולער שאס

### אונטערגעשאסען א קינד אין גאס

אויפ'ן טראטואר אויף זלאטאא גאס נעבען נומער 5 האט שפאצירט די לאקאטארקע פון דעם הויז, פרוי עקערט מיט איהר 2 יעהריגע זוהנעלע.

אין א געוויסען מאמענט האט זיך דערהערט א שאס און דאס קינד איז אוועקגעפאלען א פערוואונדעטער. מען האט צום קינד ארויסגערופען די פאגאטאוויע, וועלכע האט עס אפגעפיהרט אין שפיטאל אננא מאריא.

אבער פון וואנען עס איז געקומען דער שאס — איז נאך נישט בעוואוסט. די פאליציי פיהרט אנ'אויס-פארשונג.

# אקציע פון „תרבות" צו ווער-בירען נייע מיטגלידער

די טעג האט אין לאדז זיך אנגעהויבען די גרויסע ווערביר-אקציע, וועלכע ווערט אנגעפיהרט דורך א ספעציעל ארגאניזירט געווארענע קאמיטעט.

די אנגעזעהענסטע מיטגלידער פון „תרבות" וועלען די טעג בעזוכען די לאדזער ציוניסטען און סימפאטיקער פון דער העברעאישער בעוועגונג און זיי פערשרייבען אלס מיטגלידער פון דער העברעאישער קולטור-געזעלשאפט „תרבות". ביים איצטיגען שוואונג פונ'ם ציוניזם און פון דער העב-רעאיזאציע בפרט, איז די קולטור-טעטיגקייט פון „תרבות" א זעהר וויכטיגע דערשיינונג. די ווערביר-אקציע האט דעם צוועק צו פערשטארקען די פינאנץ-מעגליכקייטען פון דער דאזיגער ארגאני-זאציע, וועלכע טרעט איצט צו צו א ברייט פער-צווייגטע טעטיגקייט אין אונזער שטאט, און מיט דער הילף פון דער ברייטער יודישער עפענטליכ-קייט אין לאדז — וועט „תרבות" איהר פליכט דערפילען.

יעדער יוד, וועמען די אידעאלען פון העב-רעאישער בעוועגונג זענען טייער, וועלען אליין זיך פערשרייבען אין „תרבות" און געהערען צו די רייהען פון דער העברעאישער מח:ה.


**Dr. REICHER**
פאלודניאווא 28, טעל. 201-93
ספעציאליסט
פאר מענער - שוואכע - בעהאנדלונג
סעקסועלע בעראטונגען פון פסיכא - אנאליזען
נעמט אן פון 8—11 פון 5—8 אוונט.



קלאנג-קינא-טעאטער
**ZACHĘTA**
זגערזשער 26.
היינט און פאלג. טעג!
גרויסער דאפעלטער שלאגער-פראגראם:
— I —
גרויסע עראטישע דראמע א. ג.
**„זייער לעצט געגעניש"**
מיט **Elżbieta Allan**
אין דער הויפט-ראלע.
— II —
**Veronika**
הומארפולער פילם, אין דער הויפטראלע
**Franciszka GAAL**
אויסערן פראגראם: קלאנג-צייטונג.
אנהויב 4 נאכמ. שבת און זונטאג 12 פריה.


# ראספוטין און זיין יודישע געליבטע

## (שטוינענדע לעבענס - געשיכטע דערציילט פון איהר אליין)

איבערגעגעבען פון ה. אקערמאן.

אלס א „טרייסטער" פון פאלק, ווי ראספוטין האט זיך אליין גערופען, האט ער אויף זיך אויך גענומען די פליכט צו טרייסטען נאדיא'ן אין איהר עלענדקייט.

נאדיא, אדער ווי מיר קענען זי אלס נעמי איז נאך דער פויערטס טויט איבערגעבליבען אליין וואוינען ביי איהר אין הויז און איז געווען זעהר דערשלאגען, און ראספוטין האט מיט איהר געמאכט אנ'אויסנאהם. געוועהנליך פלעגט זיך ראס-פוטין פיהרען, אז ביי אימיצען האט זיך געמאכט עפעס א צרה, אימיצער איז געשטארבען אדער אזוי עפעס אנ'אומגליק, פלעגט דער געטראפענער קומען צום „פאטערל" גריגאריי, און ער, ראספוטין, פלעגט איהם אויסרעדען דאס הארץ.

ראספוטין האט דאן שוין פון זיך געהאלטען זעהר א סך און ער האט שוין געוואוסט וואסערע שטיק צו פראווען, כדי אויסצונעהמען ביי די מושי-קעס אין דארף.

אבער מיט נעמי'ן האט ער געמאכט אנ'אויס-נאהם.

א פאר טעג נאכדעם, ווי ראספוטין האט זיך בעגעגנט מיט נעמי'ן ביי דער לויה פון דער אלטער פויערטע, האט ער אליין פערבויגען זיין „הייליגען" כבוד און א בישט קיין געבעטענער איז ער געקומען צו נעמי'ן אלס גאסט.

עס איז שוין געווען שפעט אין אוונט, ארום צעהן אדער עלף א זייגער ביינאכט, אין דארף זענען שוין כמעט אלע געשלאפען, האט נעמי דערהערט א קלאפ ביי זיך אין טיר. נעמי האט אויפגעעפענט די טיר און איבער דער שוועל האט זיך אריבערגעשטעלט ראספוטין.

באלד ווי ראספוטין איז אריין אין הויז האט ער אפילו קיין ריכטיגען קוק נישט געגעבען אויף נעמי'ן, נאר ער איז באלד צוגעקומען צו די אי-קאנעס, וואס זענען געהאנגען אין א ווינקעל פון הויז און האט גענומען קניהען פאר זיי און זיך צלמ'ען און שעפטשען תפלות, ווי איינער רעדט, אז איהם געהט אינגאנצען נישט אן די יונגע, שעהנע פרוי, וואס דרעהט זיך ארום אין הויז, ווי אין אלגעמיין די עולם הזה וואס איז איהם נישט אנגעגאנגען..

און יענעם אוונט האט ער טאקע זעהר ווע-ניג פערבראכט ביי נעמי'ן אין הויז. ער האט זיך אפילו נישט געוואלט צוזעצען אויף א ווילע, נאר באלד ווי ער איז פערטיג געווארען צו „פרעפ-לען" פאר די איקאנעס, וואס דאס האט ער גע-טון צוליב דער פערשטארבענערס נשמה וועגען, האט ער נעמי'ן איבערגעצלמ'ט, און א קוש-טועגדיג איהר אין שטערן, איז ער ארויס פון הויז.

נעמי איז א פערוואונדערטע איבערגעבליבען אליין אין הויז און האט זיך גע'חידוש'ט: וואס איז ער געקומען און וואס איז ער אוועק?

פון די עטליכע מאל, וואס נעמי האט ראס-פוטינ'ען געזעהן און האט מיט איהם גערעדט, האט זי עס אליין מיט קיין ווערטער נישט געוואוסט ווי אזוי אנצורופען, נאר זי האט געפיהלט, ווען זי האט זיך דערמאהנט פון איהם אדער פון אי-מיצען געהערט דערמאהנען זיין נאמען, אז עפיס גיט איהר א טיאכקע אין הארצען.

צווישען די גוים אין דארף האט שוין ראס-פוטינ'ס נאמען דאן גענומען וואקסען און מען האט שוין געהערט רעדען וועגען איהם, וועגען די וואונדער, וואס ער טוט, וועגען דעם ארימען לעבען וואס ער לעבט און אז ער וויל נישט אננעמען קיין מתנות, וואס מען גיט איהם, און דאן איז עס טאקע נאך אזוי געווען.

ווען ראספוטין האט זיך בעזעצט אין באקרעצ-קאיע און ער האט דארט אנגעהויבען בעריהמט צו ווערען, האט ער אין ערגעץ ביי קיינעם נישט געוואלט וואוינען, נאר ער האט זיך אויסגעקליבען אין עק דארף אנ'אלט פערלאזען הויז, וואו קיי-נער האט שוין פון יאהרען־אן נישט געוואוינט. דאס הויז איז ארום געווען בעוואקסען מיט ווילד גראז, אז קוים וואס מען האט געקענט אהין צו-קומען. דער דאך פון יענעם הויז איז געווען פון שטרוי און א האלבער דאך איז שוין לאנג געהאט אוועקגעפלויגען מיט'ן ווינט. דער קוימען איז גע-ווען איינגעאנצען איינגעפאלען. און אינווייניג אין יענעם הויז איז גארנישט געווען א חוץ א צובראכ-כענעם אויווען, און אז מען האט איהם איינגעהייצט האט מען געקאנט דערשטיקט ווערען, — אזא רויך איז פון איהם געגאנגען. אלטע, צעבראכענע טירען, אויסגעזעצטע פענסטער. אט אין אזא „פאלאץ" האט זיך ראספוטין בעזעצט דאן, ווען זיין נאמען האט שוין אנגעהויבען בעריהמט צו ווערען.

דער כיטרער — כאטש אויפ'ן אויסקוק פער-דרעהטער — ראספוטין האט פערשטאנען, אז דורך אזא לעבען וועט ער זיך גיך מאכען א נאמען ביים פאלק, און ווען ער וועט שוין האבען א גרויסען נאמען, וועט ער שוין וויסען וואס ער האט צו טון...

אין יענער חורבה, וואו ער האט געוואוינט, אין עק דארף, האט ער זיך אריינגענומען עטליכע איקאנעס, מיט וועלכע ער האט בעהאנגען די ווענט און מעהר ווי דאר ברויט מיט וואסער האט מען ביי איהם אין שטוב קיינמאל נישט געפונען.

אין די דרשות, וואס ער פלעגט יעדען שבת-צו-נאכט האלטען פאר די כליסטען, האט ער אויך שטענדיג גערעדט, ווי פשוט און פראסט א מענש דארף זיך פיהרען, כדי זיין נשמה זאל דערהויבען ווערען אום ער זאל קענען זעהן יעזוס'ן אויף דער ערד.

(פארטזעצונג קומט)

## טעאטער, מוזיק און פערוויילונג (קאמוניקאטען)

**גרויסער ערפאלג פון דינה האלפערן אין דער פיעסע „אַ חתונה אין תּפיסה“**

די פאַרשטעלונג „אַ חתונה אין תּפיסה“ אין טעאַטער „ראַזמאַיטאָשטשי“ מיט דער בעגאַבטער קינסטלערין דינה האַלפערן אין דער הויפט-ראָל האַט אַרויסגערופן אַ גאַר גרויסען אינטערעס. דאַס וואונדערליכע שפּילען פון דער קינסטלערין דינה האַלפערן רופט ארויס ענטוזיאַזם און יעדען טאָג איז דער טעאַטער איבערפולט.

היינט און יעדען טאָג 9.15 אָוונט ווערט געשפּילט „אַ חתונה אין תּפיסה“ מיט דינה האַלפערן און איהר פּאַרטנער סעם בראַנעצקי אינדי הויפּט-ראָלען.

### פון יודישען טעאַטער אין פילהאַרמאָניע

צוליב די פּראָבען פון אַ נייער אָפּערעטע, ווערען די פאַרשטעלונגען מיט'ן אַמעריקאַנער גאַסטראָלער דזשעק רעכטצייט איבערגעריסען.

דער טאָג פון דער פּרעמיערע וועט ספּעציעל אַנאָנסירט ווערען.

### גרויסע פּרעמיערע פון ווינער אַנסאַמבל

היינט וועט דאָס קולטורעלע לאָדז זיך טרעפען אויף דער פייערליכער פּרעמיערע פון בעקאַנטען ווינער אַנסאַמבל, וואָס בעשטעהט פון 25 ערשטקלאַסיגע ווינער אַרטיסטען מיט די בעריהמטע קאָמיקער פּאַרקאַס און גרינבוים אין דער שפּיץ.

די היינטיגע פּרעמיערע, וועלכער הויבט זיך אָן 11 אַ זייגער אָוונט אין זאַל פילהאַרמאָניע וועט זיין די סענסאַציע פון היינטיגען סעזאָן. ס'ווערט געשפּילט „אַ טעאַטער צו פערקויפען“. ס'איז צו האָפען, אַז די פאַרשטעלונגען פון דער ווינער אָפּערעטע וועט אַראָפּ מיט אַ גרויסען ערפאָלג.

### היינטיגער קאָנצערט פון זשינעט נעוועי

היינט 8.15 אָוונט קומט פאָר אין לאָקאַל פילהאַרמאָניע דער לאַנג־ערוואַרטעטער קאָנצערט פון דער בעקאַנטער פידעל - שפּילערין זשינעט נעוועי (לאַורעאַטקע פון דעם 1-טען פּריז אויפ'ן אינטערנאַציאָנאַלען פידעל-קאָנצערט אויפ'ן נאָמען פון ה' וויענאַווסקי אין וואַרשאַ)

דאָס בעקומען דעם 1-טען פּריז דינט אַלס בעוויז פון דער גרויסקייט פון טאַלאַנט פון דער אַזוי יונגער קוים 15-יעהריגער פידעל-שפּילערין.


**Dr. med. H. LUBICZ**

פאַר הויט, ווענערישע און געשלעכטס-קראַנקה.
צעגעלניאַנאַ 7 (פריהער 43), טעל. 141-32
עמפּפאַנגס-שעה'ן 8—10, 12—2 און 5—8 אָווענד,
זונטאַג פון 9—11 בייטאָג און יום-טוב פון 9—1


## ראַדיאָ-פּראָגראַם

**דינסטאָג, ד. 12-טען נאָוועמבער**

6.34 גימנאַסטיק. 6.50 פּליטען. 8 אודיציע פאַר שולען. 11.57 צייט-סיגנאַל. 12.03 ידיעות. 12.15 אודיציע פאַר שולען. 12.30 מוזיק. 1.35 פּליטען. 3.12 לאָדזער בערזע. 3.15 עקספּאָרט. 3.20 וואַרשאַווער בערזע. 3.30 אַפּערעטקע. 4 פון ב. ק. אָ. 4.15 פּליטען. 4.45 „גאַנץ פוילען זינגט“. 5 רעפּעראַט. 5.15 קאָנצערט. 5.50 „שפּראַכען-קעסטעל“. 6 פאַרטעפּיאַן - קאָנצערט. 6.45 פּליטען. 7.20 רעקלאַמע - קאָנצערט. 7.35 ספּאָרט. 7.50 „אַ האַלב יאָהר נאָכ'ן טויט פון מאַרשאַל יוזעף פּילסודסקי“ — רעדע פון ג. פּרעמיער-מיניסטער יאַנוש יענדזשעיעוויטש. 8.05 סימפאָנישער קאָנצערט. 10.30 שמועס פאַר דאָקטוירים: 10.45 „מעשה'לעך און לעגענדעס וועגען לאָדז“. 11 ידיעות, קאָמוניקאַטען. 11.05 טאַנץ-מוזיק.


**קלאַנג-קינאָ CAPITOL**
זאַוואַדזקאַ 16

היינט און פאָלג. טעג! רעוואָלוציע פון עקראַן אויף דער גאַנצער וועלט

אין דער הויפּטראָלע: **Lionel Barymore**

# „דער קליינער פּוּלקאָווניק“

**SHIRLEY TEMPLE** אין איהר ליכטען פילם

אויסערן פּראָגראַם: קלאַנג-צוגאַבען און אַקטואַליטעטען פון „פּאַטע“. אנהויב פון די סעאַנסען אין געוו. טעג 4 אַ זייגער נאָכמ., שבת און זונטאָג 12 בייטאָג.



# איבערציהונגען קיין ארץ-ישראל

און עקספּעדיציעס נאָך איין געזאַמעלטע וואַגאָנען ערלעדיגט שנעל און פּינקטליך צו מעסיגע פּרייזען!

# „POLSKI LLOYD“ Sp. Akc.

oddział w Łodzi
Kilińskiego 45
tel. 213-20, 209-72, 106-45

פערטרעטונג:
Palestine Shipping Co. Ltd.
Palestine and Egypt Lloyd Ltd.



# אלע ארט גארדינען

און קאָפּען, טיולענע און קאַרעקאָווע, ווי אויך אַ גרויסען אויסוואַהל פון טיול און שאַטקע פון מעטער. פערשידענע קאָפּעס פון פּלוש, גאַבעלין, בראָקאַט און זיידענע. צו בעקומען ביי

**L. Elbaum, Łódź, Nowomiejska 26**
פּראָנט 1-טער שטאָק

ס'ווערען אָנגענומען אַלע ארט בעשטעלונגען פון די נייעסטע פאַסאָנען.



**ווייכטיג פאַר יעדער פירמע!**

שילד: שפּהן — מאָדערן — פּינקטליך

ווילט איהר אייער געשעפט זאָל האָבען די געהעריגע רעקלאַמע? בעשטעלט אייערע

**דרוק-ארבייט**

אין דער בעוואוסטער שנעל-דרוקעריי

**בראַמבערג**

8 צעגעלניאַנאַ 8 פּראָנט
טעל. 255-09.
שעהן און פּינקטליך אויסגעפערטיגט.
— ביליגע פּרייזען. —



**שייטלען**

טוּם פּאַריזער שרינדען צו בעקומען ביי

**קערש**, סקווערא 15

ווייכטיג פאַר דאַמען
נאָר 2 זל. ווערען פאַר איבערגעמאַכט די עלטעסטע

**היטע!**

אויף גאַנץ ניי ווי אויך נייע היטען צו

**3.50**

**Modystka „TOLA“**
23 Zawadzka 23



**לעטשניצע**

פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
11 בושעזשינער 11
טעל. 137-63

עס נעהמען אָן פאָלגענדע דאָקטוירים:
ד"ר קויפמאַן, ד"ר דינענזאָן,
ד"ר רויטער, ד"ר שפּירא,
ד"ר שמערלאָווסקי,
ד"ר י. איציקזאָן, ד"ר סטופּאַי
ד"ר שמירגעלד, נערוון-קראַנקה.
און דענטיסטין סטאַראָפּאָלסקאַ
וויזיטען אין שטאָט.
אַלע ארט מעדיצינישע הילף.
קאַבינעט פאַר פיזיקאַלישער טעראַפּיע.

**אַ וויזיט 3 זל.**



**Dr. L. Suchowczycki**
כירורג
**Gdańska 11**
טעל. 123-47. (רוג קאָנסטאַנטינער)
**POWRÓCIŁ.**
נעהמט אָן פון 4—6 נאָכמ.



**ד"ר העללער**

ספּעצ. פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען און מענער-שוואַכע
8 טראַוגוטאַ 8, טעל. 179-89
נעמט אָן פון 8—11 און פון 4—8 אָוונט
זונטאָג פון 10—2 מיטאָג.
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל.
אונבעמיטעלטע — לעטשניצע-פּרייזן



**Dr. med. G. Węgmajstrowa**
18 Śródmiejska 18
tel. 246-58
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
נעמט אָן טעגליך פון 5—7 נאָכמיטאָג.



**Dr. med. H. Wajs**
כירורג
וואוינט יעצט
פּיעטריקאָווער 17
טעל. 148-01



# קליינע אַנאָנסען

1 זלאָטי אַנ'אַנאָנס ביז 15 ווערטער 1 זלאָטי



**פרייע פּאָסטענס**

טיכטיגע אַגענטען צו איינגעפיהרטע אַרטיקלען ווערען געזוכט. צו ערפאַהרען יעדען טאָג פון 2—4 — 11. ליסטאָפּאַד 50 ראָזענבערג, ביי הערשקאָוויטש. 2432

אַ פעהיג לערן-יונגעל קען זיך מעלדען ביים קירזשנער זוסמאַנאָק, פּיעטריקאָווער 19.

עס קען זיך מעלדען אַ האַנד-נייהער ביי קימאַש, פּיעטריקאָווער 33.

עס ווערט געזוכט אַ קירזשנער-אַרבייטער פון זאַפּאַרט. צו ערפאַהרען נאַרוטאָוויטשאַ 10, דים.

קוואַליפיצירטע הערען - שניידער-אַרבייטער קענען זיך זאָפאָרט מעלדען שענקיעוויטשאַ 9, 5. איינגאַנג, רעכטס, 1-טער שטאָק.

ס'איז נויטיג אַ יונגעל אַ מיט-נייהער צו דאַמען-מאַגאַזין ביי ד. לענגאַ, לעגיאָנוב 48.

אַ רעפּעזירקע צו סוועטערס ווערט געזוכט. נאַוואָמיעסקאַ 10, ביי דאַרעמבוס

אַ שטעפּער-געזעלען צום געגריוועטען פאַך ווערט געזוכט, זאָל קענען נייהען און ריכטעווען. דרעוונאָווסקאַ 4, ד. וואַלמאַן. 2442

**לאָקאַלען**

אָפּצוגעבען אַנ'איינגעפיהרטען קעלער אויף קויהלען אָדער אויף עפּעס אַנדערש. זאַכאָדניאַ 24, אין הויף.

1 צימער און קוך מיט בעקוועמליכקייטען צו פערמיטען, 4-טער שטאָק, ניי הויז, 40 זל. מאָנאַטליך. זשעראָמסקיעגאָ 17, אָהן אָפּטרעט-געלד. 2431

**פערשידענעס**

אַנ'איינגעפיהרטע צוקערניע מיט עלעגאַנטער איינריכטונג איז אָפּצוגעבען. צו ערפאַהרען אין עלעקטרישען געוועלב, 6-טער שרפּיען 32.

איך זוך אַ גוט איינגעפיהרט קאָלאָניאַל-געשעפט אין צענטרום שטאָט. אָפּערטען אין אַדמ. אונטער „W“.

צוליב אַבריזע איבערצוגעבען אַ געשעפט מיט אַנ'איינגעפיהרטע פּרנסה אויף זגערזשער גאַס. צו ערפאַהרען וואָלבאָרסקאַ 29, אין דער שלייפעריי.

Zagubiono kwit kaucyjny z Elektrowni Łódzkiej na imię Oswald Köhler za Nr. licznika 6315592/20382. 2428

Zagubione zostały 2 $^{1}/_{4}$ losy 33-tej Loterji Państwowej №№ 172261, 166830 Losy powyższe unieważniam. Zwrócić takowe do Wajntrauba, Łódź, 11 Listopada 20.



**Dr. med. P. Braun**

ספּעציאַליסט פאַר הויט- און ווענערישע קראַנקהייטען
וואוינט יעצט פּיעטריקאָווער 81
טעל. 100-57.
נעמט אָן פון 8—1 און פון 4—8 אָוונט

**Dr. med. J. Nadel**

ספּעציאַליסט פון אַקושעריע- און פרויען-קראַנקהייטען
אַנדזשעיאַ 4, טעל. 228-92
נעמט אָן פון 10—12 און פון 5—7 אָוו.

**Dr. med. G. GERSZTAJN**

ספּעציאַליסט פאַר אויגען-קראַנקהייטען
Traugutta 12, tel. 175-10
נעמט אָן פון 11—2 און פון 5 ביז 8.30

**Dr. med. M. TAUBENHAUS**

ספּעציאַליסט
פאַר אַקושעריע און פרויען-קראַנקהייטען
פערהיטונג נעגען שוואַנגערשאַפט
זגערזשער 11. טעל. 246-09
נעמט אָן פון 4—8 אָוונד.

**Dr. med. M. Wejs**

אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
לאַגעווניצקאַ 25 טעל. 215-18
ביים קאַבינעט: בעלויכטונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען און עלעקטריזאַציעס.



**Dr. J. Herszfinkiel**

ספּעצ. פאַר קינדער-קראַנקהייטען
נעהמט אָן ביי זיך זשעראַנאַ 8a
טעל. 111-87
ווי אויך אין לעטשניצע „פּאָמאָץ“ אַלעקסאַנדראָווסקאַ 1.

**לעטשניצע**

פאַר וועבעריש-קראַנקע מענער-שוואַכע און הויט-קראַנקהייטען
פון דאָקטוירים-ספּעציאַליסטען
פּיעטריקאָווער 45
טעגליך פון 9 פריה ביז 9 אָוונד.
פרויען און קינדער נעמט אָן אַ פרוי דאָקטאָר פון 11—1 און פון 5—7 אָוונד.
אַ בעראַטונג 3 זל.

**לאָדזער יוד. לאַקאַטאַרען- און סובלאַקאַטאַרן-פאַריין**

געפינט זיך אויף פּיעטריקאָווער 31, וו. 22, טעלעפאָן 264-38.
דער סעקרעטאַריאַט איז טעטיג טעגליך פון 6 ביז 9 אָוונט. ס'ווערען געשריבען ביטעס, ערטיילט עצות, אויסגעגליכט סכסוכים און געפיהרט כל'ערליי דירות. און עקסמיסיע-פּראָצעסע.



**Dr. med. Niewiażski**

ספּעציאַליסט פאַר טריפּער, סיפיליס און הויט-קראַנקהייטען, בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע
אַנדזשעיאַ 5, טעל. 159-40
פּראָנט, 1-טער שטאָק.
נעהמט אָן פון 8—11 און פון 5—9 אָוו. זונטאָג און יום-טוב פון 9—1 פאַרטאָג.
בעזונדערער וואַרטע-זאַל פאַר פרויען.

**לעטשניצע**

פאַר וועגעריש קראַנקע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
לאָדז, זאַוואַדזקאַ 1
טעל. 122-73
טעטיג פון 8 פריה ביז 9 אָוונד.
וועגעריש-קראַנקע, מענערשוואַכע און הויט-קראַנקהייטען
אַנאַליזען פון בלוט און אורין
די פערהיטונגס-סטאַציע
איז טעטיג אַ גאַנצען מעת לעת
פאַר פרויען אַ ספּעציעלער וואַרטע-זאַל
אַ בעראַטונג 3 זל.

**Dr. med. Z. DATYNER**

אוראָלאָג
ספּעצ. פאַר נירען, בלאָז און אורין-קראַנק.
ZACHODNIA 59a, tel. 148-95,
נעמט אָן פון 9—11 און פון 6—8 אָוונט



אַנאָנסען-פּרייז פאַר אַ מילימעטער-שורה: פּאַר'ן טעקסט 18 גר., פרייטאָג און ערב-יום-טוב 24 גר. ... 40 ... 12 ... [illegible]

אַנאָנסען-פּרייז: [illegible]

Redaktor odpowiedzialny: Ch. Kaufman

Za wydawnictwo „Najer Folksblat“, spółdz. z odp. udz. Ch. J. Brzustowski i P. Wajntraub
Czcionkami i druk rotac. „Najer Folksblat“, Piotrkowska 21.

# נײַע יידישע עמיגראַציע
## פון פוילן, ליטע און רומעניע קיין ביראָ-בידזשאַן
### שוין אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך

ניו יאָרק. די סאָוויעטן־רעגירונג האָט בא־שלאָסן צו עפענען די טויערן פון ביראָ־בידזשאַן פאַר דער איינוואַנדערונג און בזעצונג פון אויסלענ־דישע יידען און אין גרייט אויפצונעמען, אין פער־לויף פון 1936, די ערשטע טויזענד יידישע פאַמיל־יעס פון פוילן, ליטע און רומעניען. די סאָוויעטי־שע פאַרשטעהער האָבן שוין אונטערגעשריבן אַ אָפיציעלן אָפּמאַך מיט א קערפערשאַפט פון אַמערי־קאַנער יידען, און אין איהם ווערען אויסגערעכנט אַלע בעדינגונגען פאַר דער נייער יידישער אימי־גראַציע. דער טעקסט פון דעם אָבמאַך איז היינטיגע וואָך אָנגעקומען קיין ניו־יאָרק און ער וועט איינגי־כען פאָרגעלעגט ווערען פאַר דער ברייטער יודי־שער עפענטליכקייט.

איצט פאָהרט אָפּ קיין אייראָפּע א ניו־יאָר־קער ייד מיט א דאָפּעלטער אויפגאַבע. טאַקע אין שייכות מיט דעם פּראָיעקט: ערשטענס וועט ער גרינדען קאָמיטעטן אין וואַרשע, קאָוונאָ און בו־קאַרעשט, וואָס זאָלען צוגרייטען די ערשטע פאַרט יעס יודישע אויסוואַנדערער; צווייטענס וועט ער אין מאָסקווע אויסאַרבייטען די לעצטע איינצעלהיי־טען וועגען דער איינאָרדנונג פון די אויסלענדישע יודען אין ביראָ־בידזשאַן.

די סאָוויעטן־רעגירונג וועט איבערנעמען די אימיגראַנטען, באַלד ווי זיי וועלען אַריבערטרעטען אויף דער רוסישער טעריטאָריע. זי וועט זאָרגען פאַר זייער בעשפייזונג, פאַר דער רייזע און פאַר זייער געזונד דעם גאַנצען וועג ביז ביראָ־בידזשאַן, אָנקומענדיג אַהין, וועט יעדע פאַמיליע געשטעלט ווערען אין דער זעלביגער לאַגע ווי די סאָוויעטישע יודישע איינוואַנדערער. יעדע פאַמיליע וועט קריגען אַ פאַרטיגע וואוינונג, אַ הלואה פון טויזענד רובל, און יעדער מאַן אָדער פרוי וועט קריגען בעשעפטי־גונג אָדער אויף אַ קאָלעקטיווער פאַרם, אָדער אין אַ קאָלעקטיווער פאַבריק.

אויסערדעם וועט יעדע פאַמיליע קריגען א שטיק לאַנד פאַר גערטנעריי, אַ קוה, היבער און אַנדערע זאַכען פאַר׳ן פערזענליכען געברויך, און אין ביראָ־בידזשאַן איז שוין איצט איינגעפיהרט פרי־וואַט־אייגענטום פון קליינע שטיקער לאַנד, וואָס ווערען בעאַרבייט און פערנוצט פון דער פאַמיליע.

איצט הויבט זיך אָן די געלד־פראַגע. די סאָוו־יעט־רעגירונג נעמט זיך נישט אונטער צו פיהרען יודען און זיי בעזעצען אינגאַנצען אומזיסט. מען וועט איהר דאַרפען איינצאָהלען אַרום 200 דאָלאַר פון אַ פאַמיליע. נאָך א 150 דאָלאַר וועט זיין נויטיג פאַר די הוצאות ביזן סאָוויעטישען גרענעץ. מען וועט דאַרפען בעצאָהלען פאַר׳ן באַהן־בילעט. מען וועט די אימיגראַנטען דאַרפען בעקליידען פאַר׳ן אַרויספאָהרען און זיי בכלל מאַכען רייזע־גרייט. אַרום און אַרום וועט, הייסט עס, קאָסטען די אי־בערוואַנדערונג פון א יודישער פאַמיליע — פון דעם עמיגראַנט׳ס אַלטער היים ביז ביראָ־בידזשאַן — די סומע פון 350 דאָלאַר.

וואו וועט מען בעהמען דאָס געלד? זעהר ווע־ניג פון די יודען וואָס זענען גרייט צו פאָהרען קיין ביראָ־בידזשאַן, אָדער וואָס וועלען אָנגענומען ווערען, פערמאָגען 350 דאָלאַר, וואָס עס איז א גרויסע סומע אין די דריי לענדער פון דער גרעס־טער יודישער נויט. דאָס געלד וועט מוזען געבען דער כלל יודען אין אַמעריקע.

ווי אַזוי וועט זיין די פּראָצעדור פון דער אי־בערוואַנדערונג? דער ניו יאָרקער קאָמיטעט וועט גרינדען אָבטיילונגען אין וואַרשע, קאָוונאָ און בו־קאַרעשט, אין וועלכע עס וועלען אַריינגעהען בע־קאַנטע אָרטיגע כלל־טוער, די אויפגאַבע פון די לאָקאַלע קאָמיטעטן וועט זיין אויסצוקלויבען די פּאַסיגע קאַנדידאַטען פאַר ביראָ־בידזשאַן, דעם פּאַר־צוג וועלען קריגען מיטעל־יאָהריגע מענשען מיט א בעשטימטע פּראָפעסיע, ווי מאָליאַרעס, סטאָליא־רעס, שניידער, שמידען, אַרבייטער און ציגעלניעס א. אַז. וו.

אַ ייד פון פוילען אָדער ליטאַ, וואָס וויל פאָה־רען קיין ביראָ־בידזשאַן, וועט דאַרפען אַריינגעבען אַ ביטע און ענטפערען אויף אַ געוויסער צאָהל פראַ־גען. די פראַגען זענען דערהויפּט וועגען געזונד. פּראָפעסיע, צאָהל קינדער און דאָס גלייכען. מען וועט קיינעם נישט פרעגען וועגען זיינע פּאָליטישע אָדער רעליגיעזע איבערצייגונגען. קאָפּיעס פון דער ביטע וועלען אוועקגעהען צום ניו־יאָרקער צענטראַ־לען קאָמיטעט, צום „אָזעט“ אין רוסלאַנד און צום סאָוויעטישען קאָנסול אין דעם לאַנד, וואו דער קאַנדידאַט וואוינט איצט. נאָך דעם ווי דער וואר־שאָווער אָדער קאָוונער אדער בוקאַרעשטער יודי־שער קאָמיטעט האָט איינגעפונען די פּאַסיגקייט פון קאַנדידאַט, לאָזט ער וויסען וועגען דעם דעם סאָוו־יעטישען קאָנסול, אַז ער קאָן אַרויסגעבען א וויזע. גלייכצייטיג ווערען אָבגעשיקט טעלעגראַפיש צום „קאָמזעט“ אין מאָסקווע די צוויי הונדערט דאָלאַר, וואָס די סאָוויעטישע רעגירונג קריגט פאַר יעדער פאַמיליע, אגב, די פאַמיליע מעג זיין פון פינף אָדער פון אַכט נפשות, דער פּרייז איז דער אייגענער.

אויב עס זאָל אַלץ געהן ווי עס דאַרף צו זיין, איז מעגליך, אַז די ערשטע פאַרטיע עמיגראַנטען זאָל אָפּפאָהרען אין אַפּריל 1936, אין פינף מאָנאַ־טען אַרום.

די עמיגראַנטען פון פוילען, ליטאַ און רומעני־יען וועלען זיך דאַרפען פערפליכטען באַלדאַנצו־בעהמען די סאָוויעטישע בירגערשאַפט און צו זיצען אין ביראָ־בידזשאַן וועניגסטענס דריי יאָהר.

# אַביסעלע קיבּיץ
## (הומאָר פון טאָג)

אַ פרוי, וועלכע פלעגט דעם מאַן זעהר אָפט דערגעהן די יאָהרען, דאָס זאָל ער איהר מאַכען אַ פּאָקען־מאַנטעל האָט דער מאַן צו איהר אַמאָל געזאָגט:

— לעג זיך שלאָפען און זאָל זיך דיר חלומ׳ען, אַז דו האָסט אַ פּאָקען־מאַנטעל, ווייל דאָס גאַנצע לעבען איז דאָך נישט מעהר ווי אַ חלום.

האָט זי מיט פּעס איהם געענטפערט:

— אין אַז איך וועל אויפשטעהן) וועל איך דאָך גאָרנישט האָבען!

האָט זיך דער מאַן קאַלטבלוטיג אָפּגערופען:

— ווער בעט דיך אויפשטעהן?

* * *

גאָלדמאַן איז געגאַנגען אין גאַס און פּלוצלינג האָט ער דערזעהן אַ מענשען, וואָס איז איהם אויסגעקומען בע קאַנט, איז ער צוגעקומען צום מאַן און האָט איהם גוט־ברודערליך אַ קלאַפּ געטון אין פּלייצע.

אָבער צו זיין איבערראַשונג האָט ער דערזעהן, אַז דער מענש איז גאָר אַ ווילד־פרעמדער.

— ענטשולדיגט, האָט ער אָנגעהויבען, איך האָב גע־מיינט, אַז איהר זייט מיין פריינד לעווי.

דער פרעמדער האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און האָט מיט פּעס געענטפערט:

— און אפילו, אַז איך זאָל זיין לעווי, דאַרפט איהר מיר געבען אַזאַ שטאַרקען קלאַפּ?

— וואָס אַרט עס אייך, האָט גאָלדמאַן געענטפערט, ווי שטאַרק איך קלאַפּ לעווי׳ן?

# דאָס לעבען אין ארץ-ישראל
## ידיעות פון דער יודישער טעלעגראַפען אַגענטור

### פאַרן צוריקקעהר פון הויך - קאָמיסאַר סער אַרטור וואוקאָפּ קיין א״י

ירושלים. נאָך לעצטערע בעראַטונגען האָ־בען די אַראַבישע פּאַרטייען אויסגעאַרבייט א ספּע־ציעלען מעמאָריאַל מיט אַראַבישע פאָדערונגען, וואָס וועט איבערגעגעבען ווערען דעם הויך־קאָמיסאַר סער אַרטור וואוקאָפּ, גלייך נאָך זיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

די „מוזולמענישע געזעלשאַפט“ אין חיפה האָט מיט אַ צייט צוריק איבערגעשיקט צום פעלקער־בונד אַ מעמאָריאַל וועגען דער יודישער איינוואַנדערונג, באָדען־קויף, געוועהר־שמוגעל און פּאָליטישע אַרעס טירטע. איצט איז ערהאַלטען געוואָרען אַן׳ענט־פער, אַז די שטענדיגע מאַנדאַט־קאָמיסיע האָט בע־שלאָסען איבערצושיקען דעם מעמאָריאַל צום פעל־קער־בונד־ראַט.

אין די נאָהענטסטע טעג הויבט אָן צו ער־שיינען אַ נייע אַראַבישע צייטונג „אל ליוואה“ (די פאָהן), אַלס אָרגאַן פון דער מופטי־פּאַרטיי. די צייטונג ווערט אַרויסגעגעבען דורך אַן׳אַקציען־געזעלשאַפט, וואָס האָט אַרויסגעלאָזט 5000 אַק־ציעס צו איין פונט.

### ראַדיאָ - הילכערס אין אַראַבישע דערפער

ירושלים. דער בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט פון דער א״י־רעגירונג האָט בעשטעלט 100 ראַדיאָ־אַפּאַראַטען מיט הילכערס, וואָס וועלען אינסטאַלירט ווערען אין אַראַבישע שולען אין די דערפער און שטעט.

די ערשטע אודיציעס פון דער ראַדיאָ־סטאַציע אין רמלה, וועלען זיך אָנהויבען צו ווייהנאַכטען. עס וועלען טראַנסמיטירט ווערען גאָטעסדינסטען פון די קירכען אין ירושלים און בית־לחם.

### מאַנעווערן פון ענגלישען פלאָט אויף די א״י - וואַסערן

חיפה. אויף די א״י־וואַסערן ביי די צפון־ברעגען פון א״י קומען פאָר מאַנעווערן מיט׳ן אנ־טייל פון 11 ענגלישע קריגס־שיפען. די מאַנעוור־ען ווערען דורכגעפיהרט אין פערבינדונג מיט די מיליטערישע גאַרניזאָנען אין חיפה און דער אומ־געגענד.

### 7 מיליאָן פונט אינוועסטירט אין בנינים אין א״י אין יאָהר 1934

ירושלים. אין דעם האַנדעלס־ביולעטין פון דער רעגירונג ווערט בעריכטעט, אַז אין יאָהר 1934 זענען אינוועסטירט געוואָרען אין נייע בנינים אין 26 פּונקטען פון א״י 7 מיליאָן פונט לגבי 5,6 מיליאָן פונט אין 1933.

### די אויטאָנאָמיע פון דער תל-אביב׳ער פּאָליציי וועט בעגרעניצט ווערען?

תל־אביב. גלייך נאָך דעם צוריקקעהר פון פּאָליציי־קאָמענדאַנט ספּייסער פון ענגלאַנד וועלען אין דער א״י־פּאָליציי דורכגעפיהרט ווערען אַ רייה רעפאָרמען. קאָמענדאַנט ספּייסער האָט אין לאָנדאָנער „סקאָטלאַנד־יאַרד“ שטודירט די נייעסטע אויספאָרשונגס־מעטאָדען, וואָס וועלען אָנגעווענ־דעט ווערען אין א״י. די שנוים וועלען זיך אויך בעציהען אויף דער פּאָליציי אין תל־אביב. די צאָהל פּאָליציאַנטען אין תל־אביב זאָל פערגרע־סערט ווערען פּראָפּאָרציאָנעל צום וואוקס פון דער שטאָט. עס זאָל אויך פעראיינהייטליכט ווערען דער אוניפאָרם פון דער תל־אביב׳ער פּאָליציי מיט דער אַלגעמיינער. עס זאָלען אויך בעשטימט ווערען ענגלישע פּאָליציי־קאָמיסאַרען און די יודען זאָ־לען ערפילען די פליכט פון וויצע־קאָמיסאַרען. אין דער העברעאישער פּרעסע הערען זיך שטימען געגען דער אָפּשאַפונג פון דער שוין איצט שטאַרק בעגרעניצטער אויטאָנאָמיע פון דער תל־אביב׳ער פּאָליציי.

### עליה - ערלויבענישען פאַר סטודענ-טען פון ירושלים׳ער קאָנסערוואַ-טאָריום

ירושלים. נאָך לענגערע פערהאַנדלונגען האָט דאָס קאָנסערוואַטאָריום פון מוזיק און דראַ־מאַטישער קונסט אין ירושלים בעקומען פון דער רעגירונג בעקומען דאָס רעכט אַרויסצוגעבען עליה־ערלויבענישען פאַר סטודענטען, וועלכע קומען פון אויסלאַנד שטודירען אין ירושלים׳ער קאָנסערוואַ־טאָריום.

### וועגען דער לאַגע אויף דעם אַרבייטס-מאַרק אין א״י,
### בעראַטונגען פון דעם אַרבייטער-ראַט אין ירושלים.

ירושלים. אויף דער לעצטער זיצונג פון דעם ירושלים׳ער אַרבייטער־ראַט מיט׳ן אנטייל פון די פערוואַלטונגען פון די אָרטיגע פאַראיינען, איז אויספיהרליך בעהאַנדעלט געוואָרען די לאַגע אויף דעם אַרבייטס־מאַרק אין א״י. די טעג פון בהלה זענען שוין אַריבער — האָט ערקלערט דער רע־פערענט ב. ראַפּטור — דערפון דאַרף מען אָבער נישט דרינגען, אַז עס וועלען זיך צוריקקעהרען די טעג פון פאַר דער בהלה. די שיטה פון צייט־ווייליגע פערפאָלגען אין דער צייט פון פּראָספּעריטי האָט גורם געווען צו דעם פערלוסט פון פיל וויכ־טיגע אַרבייטס־פּאָזיציעס אין דער א״י־ווירטשאַפט. די רעגירונג גיט אויס הונדערטער טויזענדער פונט אויף פערשידענע אַרבייטען און די יודישע אַרביי־טער געניסען דערפון כמעט גאָרנישט. דער יודישער אַרבייטער מוז ווידער אַריינדרינגען אין דעם באַהן־וועזען. עס דאַרף ווידער אַרויסגערוקט ווערען אויף דעם ערשטען פּלאַן דער לאָזונג פון כבוש העבודה און פון שטיצען די תוצרת הארץ, עס איז בעריכטעט געוואָרען וועגען דער איניציאַטיוו צו גרינדען אַרבייטער־פאַראיינען פאַר געגענזייטי־גער הילף. איינער פון די רעדנער, מוריק, האָט זיך אַרויסגעזאָגט פאַר בעזונדערע פערלייכטערונגען פאַר די אַרבייטער ווי ביליגע וואוינונגען א.ד.גל. קאַבלאַנאוו (פּועלי־ציון־לינקע) בעטאָנט, אַז מיט קיין שום קינסטליכע מיטלען וועט מען נישט אָפּ־שטעלען דעם אָפּפלוס פון אַרבייטער פון דאָרף.

אויב עס וועלען נישט שטייגען די לוינען פון די לאַנדווירטשאַפטליכע אַרבייטער. דער רעדנער האַלט פאַר געפעהרליך און צוועקלאָז דעם סיסטעם פון „תוצרת העובדה העברית“.

אין זיין ענטפער האָט דער רעפערענט אָנ־געוויזען, אַז ווען אויף די באַהנען וואָלטען געווען בעשעפטיגט נאָך 1000 יודישע אַרבייטער, וואָלט דער קאַמף פון די באַהן־אַרבייטער פאַר העכערער לוינונג געהאַט גאָר אַנדערע פערספּעקטיוען. די לאַנדווירטשאַפט קען נישט דערטראָגען די קאָניונק־טור־לוינען, וואָס זענען געבויט אויף הויכע דירה־געלד. די הויפּט־לאָזונגען בלייבען — קאַמף פאַר יודישער אַרבייט און שטיצען די איינלענדישע פּראָ־דוקציע.

### די לאַנד - אָרגאַניזאַציע פון דער וועלט פעראייניגונג פון אַלגעמיינע ציוניס-טען אין ארץ - ישראל

ירושלים. דאָ איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דער א״י־צענטראַלע פון דער וועלט־פעראייני־גונג פון אַלגעמיינע ציוניסטען, וואָס איז געוועהלט געוואָרען אויף דער קאָנפערענץ אין לוצערן. אין די בעראַטונגען האָבען זיך בעטייליגט די ה״ה: מ. אָלייניקאָוו, ד״ר א. ביכאַווסקי, ק. בלומענפעלד, ד״ר מ. גליקסאָן, י. גרינבוים, ד״ר י. דאַווידסאָן, ש. זשוכאָוויצקי, מ. סעדזיני, און פ. ראָזענבליט. דער עקזעקוטיוו־מיטגליד י. גרינבוים האָט פאָרגע־לעגט אַן׳אַרבייטס־פּלאַן אויפ׳ן געביט פון דער יוגענד־בעוועגונג, מיטעלשטאַנד און קולטור־טעטיקייט. אין דעצעמבער וועט גערופען ווערען אַ לאַנד־קאָנפערענץ פון דער פעראייניגונג פון אַל־געמיינע ציוניסטען אין א״י. אין פּראָוויזאָרישען לאַנד־קאָמיטעט זענען אַריין: ד״ר מ. גליקסאָן (פאָר־זיצער), ש. זשוכאָוויצקי, מ. מעדזיני, און פ. ראָ־זענבליט.

### פאַר דער עפענונג פון דער גרויסער באַנק פאַר לאַנדווירטשאַפט אין א״י

ירושלים. אין די ערשטע טעג פון דע־צעמבער וועט שוין אָנהויבען איהר טעטיגקייט די ניי־געגרינדעטע גרויס־באַנק פאַר לאַנדווירטשאַפט מיט אַ קאַפּיטאַל פון 400,000 פונט. די א״י־רעגירונג בעטייליגט זיך אין דער באַנק מיט אַ קאַפּיטאַל פון 150,000 פונט. חוץ דעם בעטייליגען זיך אין דער באַנק, די בעקאַנט, די אַנגלאָ־פּאַלעס־טיין־באַנק, באַרקלייס־באַנק, „פּראָדענשיעל“, קאָ־לאָניסטען־פערבאַנד און אַנד. מיט דער לאַנדאָנער צענטראַלע פון דער באַנק פיהרט אָן ה׳ וואַלטער קאָהען. אין א״י וועט גערופען ווערען אַ בעראַטונג וועגען דער טעטיגקייט פון דער נייער באַנק, וואָס וועט, בעיקר, בעשטעהן פון פאַרשטעהער פון לאַנדווירטען.

### די ליידען פון די „אונלעגאַלע“ עולים טראַגישע איבערלעבונגען פון דריי דייטשע פליטים

תל־אביב. אין משך פון די לעצטע טעג האָבען זיך אין תל־אביב און דער אומגעגענד פערשטאַרקט די אָבלאַוועס אויף „אונלעגאַלע“ עולים עס ווערען פערהאַלטען עולים, וועלכע זענען שוין זייט אַ לענגערער צייט איינגעאָרדענט אין לאַנד. עס איז אויך געשטיגען די צאָהל אַנאָנימע מסירות וואָס ווערען דערלאַנגט דער מאַכט. צוו. אַנד. איז דעפּאָרטירט געוואָרען אַ ייד פון תימן, וועלכער איז געקומען קיין א״י מיט דריטהאַלבען יאָהר צוריק.

חיפה. דריי יודען, וועלכע זענען ענטלאָפען פון דייטשלאַנד, זענען אויף אַן׳אונלעגאַלען אופן צוגעקומען אויף א שיף צו די א״י וואַסערן, נישט צופאָהרענדיג צו חיפה זענען די דייטשע פליטים אַריינגעשפּרונגען אין וואַסער און נאָך פיר שעה צוגעשווימען צו עכו, אויף דער יבשה האָ־בען זיך די עולים געבלאָנקעט דריי טעג ביז זיי זענען ענדליך פערהאַלטען געוואָרען דורך דער פּאָליציי.

# דער דייטשער פילם-עקספּאָרט ערב א קאַטאַסטראָפע
## דער „אופאַ“ קאָנצערן צאָהלט שוין נישט קיין דיווידענדע

פון בערלין טיילט מען מיט, אַז לויט דעם בילאַנץ, וואָס עס האָט פערעפענטליכט די פילם גע־זעלשאַפט אופאַ איז צו זעהען, אַז דער דאָזיגער קאָנצערן שטעהט ערב א קאַטאַסטראָפע. מען האָט שוין וועגען דעם לאַנג געשמועסט בעזונדערס נאָכ־דעם ווי די אַקציעס פון קאָנצערן האָבען אָנגעהויבען צו פאַלען, אָבער דער איצט פערעפענטליכטער בע־ריכט שטייגט איבער אַלע ערוואַרטונגען.

די ריינע הכנסה איז פון 51,9 מיליאָן אין פער־גאַנגענעם יאָהר געפאַלען אויף 49,8 מיליאָן דערביי איז די צאָהל בעזוכער אין אופאַ טעאַטער געשטיגען פון 27,33 מיליאָן אויף 29,3 מיליאָן. דאָס בעווייזט, אַז דער עולם געהט אויף ביליגערע פלעצער, די הויפּט־סיבה, איז אָבער, וואָס די אויסלענדישע גע־שעפטען געהען שלעכט און נישט געקוקט דערויף, וואָס דער אופאַ טרוסט האָט פערבינדונגען אין דער גאַנצער וועלט און האָט א געוואַלדיגען אויסלענדי־שען בעטריבס־אַפּאַראַט. עס זעהט אויס, אַז אין אויסלאַנד וויל מען נישט מעהר קענען די מינדער־ווערטיגע דייטשע פילמען.

חוץ דער בילאַנס ווייזט דאָך נאָך אַרויס אַ ריינעם פּראָפיט פון 112,000 מאַרק לגבי די 1,17 מיליאָן מאַרק, אַלס רעזולטאַט פון די דאָזיגע „גלענ־צענדע“ געשעפטען פון דער דייטשער פילם געזעל־שאַפט וועט אין לויפענדען יאָהר די אַקציאָנערען נישט פערטיילט ווערען קיין שום דיווידענדע. אין פערגאַנגענעם יאָהר האָט די דיווידענדע בעטראָפען 2 פּראָצענט.

די „פראַנקפורטער צייטונג“ שרייבט אין שיי־כות מיט דעם טרויעריגען בילאַנס פון דער אופאַ פילם געזעלשאַפט פאָלגענדעס: „ווען די אומזאַצען אין לאַנד קענען נישט אויסגלייכען די היזקות פון די געשעפטען אין אויסלאַנד איז עס דערפאַר, וואָס די אופאַ האָט מיט איהרע פילמען אין לעצטען יאָהר געהאַט אין אויסלאַנד נאָר א מיטעלמעסיגען ער־פאָלג“.

עס מוז נאָך צוגעגעבען ווערען, וואָס די צייט־טונג קען צוליב געוויסע טעמים נישט אָנגעבען. אַז דער גינסטיגער בילאַנס פון דער אופאַ אין פאַ־ריגען יאָהר איז געווען א רעזולטאַט דערפון, וואָס דעמאָלט איז די פּראָדוקציע פון דער אופאַ נאָך נישט געווען אַזוי „ראַסען־ריין“ ווי אין לויפענדען יאָהר.

אַ בעזונדערע אויפמערקזאַמקייט פערדינט נאָך אין דעם בילאַנס די רובריק אין וועלכען עס ווערט גערעדט וועגען א סומע פון 2,6 מיליאָן מאַרק, מיט׳ן ציל „אָנצונעהמען מיטלען בכדי צוריק צו פערגרעסערען דעם עקספּאָרט וואַהרשיינליך האַנ־דעלט עס זיך וועגען פאַרברייטונגען צו א דייטשען דומפּינג אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען פילם־מאַרק, עס איז אָבער א גרויסע פראַגע צי דאָס וועט דער היטלעריסטישער פילם־אינדוסטריע עפּעס העלפען.

# האַנדווערקעריי און האַנדעל

## אויף דער וואָך

### „מאַכט אָרדנונג ביי זיך”

די דאָזיגע טאַקטיק איז שוין פון לאַנג בעקאַנט, אויב מען וויל אַרויסדרעהען זיך פון עפּעס אַ פליכט בנוגע די יודען וואַרפט מען דאָס אַרויף אויף אונזע־רע אייגענע פּלייצעס, אַז מיר אַליין זענען כלומרשט די שולדיגע דערין וואָס מ'קען אונזערע פאָדערונגען נישט נאָכקומען. האָבען מיר פערלאַנגט סובסידיעס פאַר אונזער יודישען שול וועזען, האָט מען אונז גע־ענטפערט: מאַכט צוערשט אָרדנונג ביי זיך. קומט צוערשט אַליין צו אַ הסכם וועגען אַ יודישע און העברעאישע שול און דאַן וועט איהר קומען מיט אַנ'איינהייטליכער פאָדערונג צו אונז. דאָסזעלבע איז געווען ביי דער פאָדערונג פון אַנ'אויטאָנאָמען קהלות וועזען, האָט מען ווידער פערלאַנגט „צו מאַכען אָרד־נונג ביי זיך” וועגען אַ וועלטליכער אָדער רעליגיע־זער קהלה און דאָס אַזוי ביי יעדער פראַגע.

דער דירעקטאָר דאַבאָש האָט אויף דער לעצטער זיצונג פון דער האַנדווערקער קאַמער אָנגעווענדעט דיזעלבע טאַקטיק. ווען די ראַטמענער פון ביידע יו־דישע גרופּען סיי פון פּילסודסקיסטען 69 און סיי פון דער עקספּאָזיטור זענען שאַרף אַרויסגעטרעטען נעגען דעם אופן פון בעהאַנדלען די יודישע האַנדווערקער אין דער אייגענער זעלבסטפערוואַלטונג האָט דער דיר. דאַבאָש זיי אָפּגעשיקט צו זיך אַליין און גע־זאָגט: „איהר קומט מיט טענות צו אונז? מאַכט צו־ערשט אָרדנונג ביי זיך אַליין. איהר אַליין בייסט זיך, האָט זיך פיינד און שטעלט זיך אונטער איינער דעם אַנדערען פיסלעך, ווען איהר וועט קומען צו אַ הסכם צווישען זיך וועט איהר אויך אַדורכקומען מיט אונז”.

פערשטעהט זיך אַז דאָס איז מצד דיר. דאַבאָש נישט אינגאַנצען אויפריכטיג. די האַנדווערקער־קאַ־מער האָרף אין דער הינזיכט פון בעהאַנדלען די פאָ־דערונגען פון די יודישע האַנדווערקער און די האַנד־ווערקער אַליין, נישט אָנגעהן די בעציהונגען צווי־שען איינער און דער צווייטער גרופּע יודען. דאָס איז אַנ'ענין פאַר די יודען אַליין. דאָס איז בשום אופן נישט קיין מאָטיוו צו פערלאַנגען טעאָרעטישע אָדער שפּראַכליכע עקזאַמענס פאַר אַלע האַנדווער־קער, אָדער צו נעמען צו הויכע עקזאַמען אָפּצאָהלען. דאָס איז נאָר געווען מצד דעם דירעקטאָר דאַבאָש אַ רעטאָרישער מאַנעוור, כדי אַ שטאָך צו געבען די יודישע האַנדווערקער צדדים, וועלכע בייסען זיך ווירקליך, האָבען זיך פיינד און איינער דעם צווייטען טוט אין דער גאַל אריין..

נעוויס זענען מיר נישט נאָר מסכים נאָר מיר פאָ־דערען אונזאויפהערליך אַז די „לאָדזער יודישע האַנד־ווערקער זאָלען זיך פעראייניגען, ווער האָט דאָס איצט נאָך דעם מוט צו נעהמען אויף זיך די היסטאָרישע אחריות פאַר די שאָדענס וואָס ווערען געבראַכט דעם גרויסען אַרבייטס מענש צוליב דער צושפּליטע־רונג? ס'זענען דאָך שוין אפילו אָוועקגענומען גע־וואָרען אַלע אויסריידען און בעריגונגען וואָס ביידע צדדים האָבען כלומרשט געשטעלט צו דער פער־אייניגונג, אַמאָל איז געווען אַ פאָדערונג אַז די „ראַסנאָריאַרדע” מוז אָפּגעשטעלט ווערען. האָט זיך שוין די „ראַסנאָריאַרדע” אָפּגעשטעלט און דער לעצ־טער צוזאַמענפאַהר פון די האַנדווערקער אין דער עקספּאָזיטור האָט זיך אַרויסגעזאָגט געגען ראַסנער;.

אַנדערע האָבען נאָך געפּרובט אָנווייזען אויף אַ שטערונג פון דער פעראייניגונג די כלומרשטע שנאת ציון מצד די פאָלקיסטען, אויך דער אַרגו־מענט איז אויפן לעצטען לאָדזשער צוזאַמענפאָהר אָוועקגענומען געוואָרען, ווייל די הויפּט רעפערענ־טען — אָנפיהרער פון דער עקספּאָזיטור — האָבען בפירוש ערקלערט, אַז קיינער איז נישט געגען ארץ ישראל און אַז אַ פעראייניגטע בעוועגונג וואָלט אפילו געקענט בעשטימען געוויסע פּאָזיציעס פאַר ארץ־ישראל צוועקען.

אמאָל איז געווען אַ שטערונג צו דער פעראייני־גונג די פאָדערונג פון דער עקספּאָזיטור, אַז דער צווייטער צד זאָל ליקווידירען די צענטראַלע און די פעראייניגטע אָרגאַניזאַציע זאָל זיין אַנ'אָפּטיילונג פון דעם וואַרשאַווער צענטראַל - פערבאַנד, אויך די פאָדערונג איז נישט מעהר רעאַל, ווייל די אנגעהע־ריגקייט צו דער איצטיגער וואַרשאַווער צענטראַלע איז בכלל פּראָבלעמאַטיש און וועגען דעם ענין וואָל מען שוין איצט קיין פאָדערונגען נישט אַרויסגע־שטעלט געוואָרען.

— וואָס זשע שטערט אַלזאָ איצט צו מאַכען אָרד־נונג ביי זיך אַליין?” סוף כל סוף איז דאָס ריכטיג און מיר מוזען אָפּנעמען דעם אַרגומענט ביי דעם דריטען צד, דאָ האַנדעלט זיך שוין נישט וועגען פערזענליכע אָדער גרופּען־אַמביציעס וועגען פּאָלי־טיקאַנטעריי, נאָר וועגען די לעבעדיגסטע אינטערעסען פון די יודישע האַנדווערקער.

מיר ווייסען אַז ס'ריהרט זיך עפּעס. אַז ס'איז פאַרהאַן אַ שוואַכע איניציאַטיוו נ.כ.אמאָל אָנצוהויבען די אונטערהאַנדלונגען וועגען אַ פעראייניגונג, די איניציאַטיוו טאָר מעהר נישט אָפּגעלאָזען ווערען, מען מוז מאַכען אָרדנונג צווישען זיך אַליין.

י. האַנקין.

## לאָדזער האַנדווערקער-קאַמער שאַפט לוסטראַציע-קאָמיסיע[ס]

### צו קעמפען מיט די „אונלעגאַלע” בעלי-מלאכות

### וואָיעוואָדזטווע האָט ערלויבט אויף די דאָזיגע קאָמיסיעס

די האַנדווערקער - קאַמער האָט בשעתו זיך גע־ווענדעט מיט עטליכע מעמאָריאַלען צו דער וואָיע־וואָדזטווע, וועגען געבען איהר די ערלויבניש צו שאַפען אייגענע לוסטראַציע - קאָמיסיעס צום קאַמף מיט די „אונלעגאַלע” האַנדווערקער וואַרשטאַטען.

נאָכ'ן גענויען אַדורכשטודירען דעם ענין, האָט די וואָיעוואָדזטווע עהרענטען שבת צוגעשיקט אַנ'ענטפער דער האַנדווערקער - קאַמער, אַז אַזאַ ער־לויבניש ווערט געגעבען.

די האַנדווערקער - קאַמער נעהמט זיך זעהר ענערגיש צו שאַפען די לוסטראַציע - קאָמיסיעס און שאַפט אפילו אַ ספּעציעלען רעפעראַט צום קאַמף מיט דער „אונלעגאַלער מלאכה”. די לוסטראַציע - קאָמיסיעס וועלען האָבען די אויפגאַבע אויסצוגעפי־נען די וואַרשטאַטען, וועמענס בעזיצער עס האָבען נישט די נעהעריגע דאָקומענטען, ווער ס'האַלט נישט בערעכטיגט אַ לערן־יונגעל. ס'וועלען געמאַכט ווערען פּראָטאָקאָלען, וועלכע וועלען איבערגעשיקט ווערען אין אינדוסטריע - אַמט פון דער ערשטער אינסטאַנץ מיט פאָרשלאָגען צו שליסען די וואַרשטאַטען.

בשעתו איז דער דאָזיגער אויפטו פון דער האַנד־ווערקער - קאַמער אָפּגעלעגט געוואָרען, ווייל אַ טייל אָנפיהרער פון די יודישע האַנדווערקער האָבען בע־וויזען, אַז דאָס שטריכען די וואַרשטאַטען געהער נישט צו דער קאָמפּעטענץ פון דער האַנדווערקער קאַמער, איצט האָט די קאַמער דערויף בעקומען ד[...] ערלויבניש פון דער וואָיעוואָדזטווע און דער ענ[...] איז געוואָרען אַקטועל און זעהר ערנסט.

בשעתו האָט אויך צווישען די יודישע האַנדווע[...]קער געהערשט אַ שטאַרקע מיינונגס - פערשידענהיי[...] וועגען דעם אַנטייל פון יודען אין די דאָזיגע קאָמ[...]סיעס.

איצט איז די פראַגע ברענענד, ס'מוז אונבעדינג[...] קומען צו אַנ'איינהייטליכער שטעלונג פון די יודיש[...] האַנדווערקער אין דער דאָזיגער פראַגע.

## ערקלערונג פון צענטראַלען קליינהענדלער-פעראיין

### פאַרוואָס ער האָט נישט געשיקט קיין פאָרשטעהער אין דעם ביראָט

ווי בעקאַנט, איז די לעצטע עטליכע וואָכען ווי־דער אַרויפגעשוואומען די אָנגעווייטאָגטע פראַגע וועגען צענטראַליזירען דאָס צושפּליטערטע יודישע קליינהענדלערטום אין אונזער שטאָט. צו דעם דאָ־זיגען צוועק איז מצד דעם צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין געדופען געוואָרען אַ קאָנפערענץ פון פאָר־שטעהער פון אַלע קליינהענדלער פעראיינען אין לאָדז, צו דער דאָזיגער קאָנפערענץ זענען טאַקע געקומען די פאָרשטעהער פון אַלע קליינהענדלער פעראיינען, און מיר האָבען געגלויבט, אַז איצט איז שוין דער געדאַנק געוואָרען רייף געוואָרען און דאָס איצטיגע מאָל וועלען שוין פערשווינדען אַלע מחיצות און די ה"ה וועלכע פיהלען נישט, ווייזט אויס, אָבער זעהען דאָס חושכ'דיגע לעפען פונם יודישען קליינהענדלער, וועלען אויפהערען הרעהען מיטן גראָבען פינגער, נאָר זיין עהרליך לגבי דער אויסערגעוועהנליך - וויכטיגע פראַגע און טאַקע צוטרעטען צום עיקר ענין און זו־כען דעם נאָהענטסטען וועג, כדי עס זאָל סוף כל סוף רעאַליזירט ווערען דער געדאַנק וועגען פעראיי־ניגונג.

מען האָט נישט געדאַרפען קיין פערגרעסער־גלעזער, כדי צו זעהן, אַז די אָנשטרענגונגען פון די אי־ניציאַטאָרען זענען אויף אומזיסט, און די ערשטע, ווי אויך די ווייטערדיגע קאָנפערענצען וועלען נישט ברענגען די מינימאַלסטע דערגרייכונגען.

און עס שטעלט זיך אַ פראַגע: פאַרוואָס האָט מען נאָך די אַלע אויפקלערונגען, אַז אַ פעראייניגונג איז אַזוי דרינגענד נויטיג, דאָך נישט געשאַפען קיין פער־אייניגונג? קיין ענטפער איז נישטאָ. מיר ווייסען אויך גאַנץ גוט, אַז נישט איינמאָל זענען שוין אונ־טערגענומען געוואָרען שריט אין דער דאָזיגער ריכ־טונג, אָבער יעדעס מאָל האָט מען געפּעלשט און פערהרעהט גלייכע ענינים.

ביים קליינהענדלערטום גופא איז טאַקע פאַרהאַן אויף אַן'אמת דער גוטער ווילן צו שאַפן איין שטאַרקן מעכטיגען קליינהענדלער פעראיין אין לאָדז און, אויב דער דאָזיגער געדאַנק ווערט דאָך נישט רעאַ־ליזירט איז עס דערפאַר, וואָס אויף דער פעריפעריע פון יודישען קליינהענדלער, וואָלט מען זיך געקאָנט אויסדריקען, איז שוין אָנגעוואַקסען צופיל ווילד־גראַז.

עס איז אפשר געדעכט דער שטאַנדפּונקט פון די, וועלכע זאָגען, אַז דער עיקר געהט עס אין דער הענאָמאַניע, וואָס יעדער האָט מורא, אַז איהם וועט אפשר אויסקומען צו ווערען אויס פּרעזעס א.אז.וו. שוין דאָס אַליין בעווייזט גאַנץ אונצווייפעלהאַפט, אַז נישט קיין צופאַל איז דאָס שאַפען פעראייניגען, אַ סיסטעם אַזאַ איז עס געוואָרען, און אונטערן פאָר־טוך פון כלל־טוערײ שאַפט מען פעראיינען.

מיר זעהען בולט, אַז אַזאַ לאַגע האָט דערפיהרט דערצו, אַז יעדער הורבנפאַלענער פּרעזעס גיט אַ קלאַפּ די טיר פון דרויסען, און מיט'ן אויסגעשריי: „,איך וועל אייך שוין אָנלערנען” — „מאַכט” אַ פעראיין. און עס פרעגט זיך אויך אַ פ[...]גע: ווער ווייס וויפיל אַזעלכע פרעטענד[...] טען אויף „מאַכען” פעראיינען בלאָנקעט זיך [...] אַרום אין אונזער קליינהענדלער - וועלטעל?

מען האָט זיך שוין צוגעוואוינט צו דער [...] און מיר פאָדערען שוין נישט בעסער, יעדער [...] ס'האָט נאָר הענט און פיס, וועט זיך „מאַכען” פעראיין און „רעפּרעזענטירען” דעם קל[...] הענדלער, ווען דאָס זאָלען אפילו זיין בעסטע און טייערסטע מענשען, זהב מ[...] וועלען מיר אויך זאָגען, אַז מיר נויט[...]גען זיך נישט אין אַזוי פיל גינגאָלד! און דער[...] זאָגען מיר, אַז עס וואָלט שוין געווען די העכ[...] צייט, אַז די קליינהענדלער זאָלען מאָביליזירען [...] זייערע פּוחות און איינמאָל פאַר אַלע מאָל האָ[...] דעם מוט אַ זעץ צו טעפּען אין טיש אריין און [...]גען: גענוג!

עס מוז אָפּגערוימט ווערען פון וועג אַלע שטע[...]גען און עס מוז צושטאַנדקומען אַ פעראייניגונג [...] אַלע קליינהענדלער אין לאָדז. קיין אויבער־ראַ[...] וועלען נישט לעזען די פראַגע.

די פערוואַלטונג פון צענטראַלען ק[...] הענדלער פעראיין, פּאָמאָרסקאַ [...]

## לאָדזער טעקסטיל-אינדוסטריעלער וועלען נישט אָננעהמען קיין איטאַליענישע בעשטעלונגען

אין די לעצטע טעג בעקומען פיל לאָדזער טעקס־טיל־פירמען אָנפראַגען פון איטאַליענישע אימפּאָר־טערען וועגען עווענטועלע ליפערונגען פון קאָלדרעס און לייליכער פאַר דער איטאַליענישער אַרמעע.

די איטאַליענישע פירמען בעטאָנען אין זייערע אָנפראַגען, אַז מ'דאַרף די ענינים בעטראַכטען פאַר זעהר ערנסטע און דעריבער בעטען זיי וועגען אַ שנע־לען ענטפער. די אָנפראַגען זענען אויף אַ זעהר גרוי־סען קוואַנטום פון די דערמאָהנטע אַרטיקלען.

די לאָדזער טעקסטיל - אינדוסטריע בעציהט זיך צו די דערמאָהנטע פאָרשלאָגען מיט אַ געוויסער רעז־זערוו, ווייל אַזעלכע פאָרשלאָגען האָבען די איטאַליע־נער שוין געמאַכט מיט אַ קורצע צייט צוריק. די אונטערהאַנדלונגען זענען שוין געהאַט ווייט אַוועק און דאָך איז דערפון גאָרנישט געוואָרען.

ווייטער זענען נאָך פאַרהאַן שוועריגקייטען דעם, ווייל ס'איז מעגליך, אַז דער פערבאָט צוצו[...]לען טעקסטיל־סחורות פאַר דער איטאַליענישע[...] מעע וועט אַרונטערפאַלען אונטער די ווירטשאַפ[...] סאַנקציעס, וועלכע דאַרפען אַריינגעהען אין [...] דעם 18. נאָוועמבער.

## פאָדערונג פון די קליינהענדלער

### אַז די קראַנקען-קאַסע זאָל שיקען אינקאַסענטען אַהיים

די וואָך אויף די וועכענטליכע פערזאַמלונגען אין צענטראַלען קליינהענדלער פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15, זענען אַרומגערעדט געוואָרען פאָלגענדע פראַגען: לעצטענס האָט די קראַנקען־קאַסע אַרויסגעשיקט „אופּאָמניעניעס” אפילו אויף קליינע סומעס, ווייל צו די קלענסטע סומע איז צוגעוואַקסען גרויסע עק־זעקוציע - קאָסטען. ס'איז שווער צו פערלאַנגען פון אַ קליינהענדלער, וועלכער איז ביז שפּעט אין אָוועגד פערנומען מיט דאגות פרנסה, אַז ער זאָל געדענקען, אויך וועגען דער קראַנקען־קאַסע, ווי ס'קומט איהם אויס צוצאָהלען 5—7 גילדען אַ חודש.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם האָבען אַ גאַנצע רייה קליינהענדלער געשיקט ביטעס און געבעטען שיקען זיי אינקאַסענטען, וועלכע זאָלען יעדען חודש איינ־קאַסירען דעם בעטרעפענדען אָפּצאָהל. די דיר[...] פון דער קראַנקען־קאַסע, האָט טאַקע אין דעם [...] דעלעגירט אויף דער שטאָט אינקאַסענטען, [...] וועלען נאָרמאַל יעדען חודש איינקאַסירען אָפּצאָהל און אַזוי אַרום פערשפּאָרען קאָסטען.

## אָפּשאַפען פערמיטלער און סוחרים מיט האַנדעלס-פּראָדוק[טען]

### פאָדערונג פון די אַגראַר-קאַמערען

עס שיינט, אַז די פיהרענדע קרייזען פון די לאַנד־ווירטען זענען נאָך ווייניג איבערצייגט, אַז פון די אַלע ביז איצטיגע עקספּערימענטען מיטן האַנדעל מיט תבואות און פּראָדוקטען ליידען צום מייסטען די לאַנדווירטען און גוט־בעזיצער. איצט גש[...] ווידער מאַכען אַנ'עקספּערימענט און אַ העכס[...]ליכען.

די לאַנדווירטשאַפטליכע קאַמער אַרבייט [...] נייעם פּלאַן וועגען האַנדעל מיט לאַנדווירטש[...]כע פּראָדוקטען. מען זאָל דערפון בעזייטיגען [...] וואַטע איניציאַטיוו און יעדע פערמיטלונג פ[...]רים און אויפקויפער. דערמיט זאָלען זיך פּעד[...] ספּעציעלע אָרגאַניזירטע אינסטיטוציעס און [...] ראַטיוון.

דער צוועק פון דעם עקספּערימענט איז [...] פּערדינסטען, וואָס עס האָט דער האַנדעל און [...] מיטלערײ, זאָלען האָבען די לאַנדווירטען, ה[...] זאָלען קאָנען נעהמען די העכערע פּרייזען, ווי [...] נעהמען די סוחרים.

מיר גלויבען, אַז די לאַנדווירטען און [...]צער, וועלכע האָבען פערשטאַנען אָפּצושאַ[...] אַלע ביז איצט געפּלאַנטע עקספּערימענטען [...] אה־מאָנאָפּאָלען וועלען פערשטעהען, אַז [...] אַ גרויסע סכנה פאַר די לאַנדווירטען

## בעריכט וועגען דער קאָנפערענץ פון דער צווישען-מיניסטעריאַלער קאָמיסיע

היינט, דינסטאַג, אין אָוונד קומט פאָר אין צענט־ראַלען קליינהענדלער פעראיין, פּאָמאָרסקאַ 15 אַ קאָנפערענץ פון פאָרשטעהער פון אַלע בראַנזשען־סעקציעס, אויף וועלכע פּרעזעס ראַטמ. כאַרי וועט אָפּגעבען אַ טעטיגקייטס־בעריכט פון דער מיניסטער־יאַלער קאָמיסיע, וועלכע האָט געווייעלט שבת אין לאָדז ס'איז כדאי אונטערצושטרייכען, דאָס דער דערמאָהנטער פעראיין איז געווען פאָרטרעטען אין דריי קאָמיסיעס.

## דער נייער הכנסה-שטייער פאַר האַנדווערקער און קליינהענדלער

אין דער היינטיגער וואָך וועט פערעפענטליכט ווערען אַ דעקרעט וועגען אַ נייעם הכנסה־שטייער פאַר די קלענסטע קרעמער און קלענסטע האַנדווער־קער און פאַר די קלענסטע פערדינסטען, וועלכע האָ־בען ביז איצט נישט געצאָהלט.

דער נייער הכנסה - שטייער געהט אריין אין קראַפט פון 1. דעצעמבער און מען וועט גאַנץ שנעל אַרויסשיקען צאָהלונגס - נאָקאַזען צו די אַלע קלענ־סטע קרעמער און האַנדווערקער.